NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13350

IN DI BERG

Lucy Fitch-Perkins

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיאנער-ביבליאטעק

ל. פיטש-פערקינס

אין די בערג

קאאפעראטיווער פארלאג
קולטור-ליגע

36

שפּיל- און פּיאָנערן-ביבליאָטעק

ל. פּיטש-פּערקינס.

משה אדאנער
ניו-יארק

אין די בערג

צענטראַלע יודישע ...
אין פּרעסע אר...

ייִדיש — ל. ר.

№ 36

קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיִעוו — 1929

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג פון
דעם בוך און די שילדער פאַר ביבליאָ-
טעק-קאַטאַלאָגן ווערן צוגעשטעלט אין
ביכער-קאַמער פון אוקר. און אין דער
צענטראַל-רעדאַקציע פון דער אוקראַ-
ינישער בוך-קאַמער

פּעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק“,
4-טע דרוקעריי, חאַרקאָווסקי 42.
באַשט. 1514. געדרוקט — 3000
אָקרליט (1541) № 2027

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק און פּרעסע אַרכיוו

1. די געטרײַע קוקעווקע.

אַן אַלט דאָרפיש שטיבל אַף דער זײַט פון אַ באַרג אין דער שווייץ. אין קיך אַף דער וואַנט הענגט אַ קליינער הילצערנער זייגער. אין דעם זייגער וווינט אַ קליינע הילצערנע קוקעווקע. אַלע שאָ שפרינגט זי אַרויס פון דעם קליינעם הילצערנעם טירעלע, קוקט זיך אַרום, וואָס הערט זיך עפעס אַף דער וועלט, און זאָגט אָן וויפל איז דער זייגער. דערנאָך שפרינגט זי צוריק אַרײַן אין איר קליין פינצטער שטיבעלע, ציילט די מינוטן און וואַרט, אַז זי זאָל שוין נאָכאַמאָל דאַרפן אַרויסגיין אָנזאָגן וויפל האַלט דער זייגער.

איינמאָל פרילינג פאַרנאַכט, אַז די שײַן פון דער זון האָט זיך ביסלעכווײַז געלאָשן, געפאַרבט די שניי־שפיצן פון די בערג מיט אַלערליי קאָלירן און צעשיקט גאַנצע בונטן גאָלד איבערן טאָל,—האָט די קוקעווקע אַ ציטער געטון און האָט זיך אויפגעכאַפט. דאָס קליין הילצערן טירל האָט זיך צעעפנט און זי האָט אַרויסגעשטעקט איר קליין הילצערן קעפעלע. אין קיך איז געווען שאַ־שטיל. אַפן טיש לעבן וואַנט איז געשטאַנען אַ קליין גרוי מײַזעלע און האָט געריזעט אַ שטיקעלע קעז. אַ לאַנגער בונט שײַן האָט זיך געריסן פון דעם מײַרעווודיקן פענצטער גלײַך צום קאַ־

בעלנעם אויזן, ווי ער וואַלט דאָרט געוואָלט אָנצינדן פֿײַער. איין שטראַל איז דאָרט געפֿאַלן אין אַ שיסל מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אַף דער ערד, און האָט פֿון דאָרט צעשיקט פֿריילעכע שײַן־פֿייגעלעך, וואָס זײַנען אַרומגעשפּרונגען אַף דעם גלאַנציקן בלעכענעם געשיר אין בופֿעט.

אין זייגער האָט עפּעס אָנגעהויבן מאָדנע ברומען און ס'האָט זיך דערהערט דער קוקעווקעס: קו־קו. דאָס גרויע מײַזל איז די מינוט אַראָפּגעשפּרונגען פֿון טיש און איז אַנטלאָפֿן אין נאָרע אַרײַן, און דער גאָלדענער שטראַל פֿון דער זון האָט אַ ציטער געטון און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

— קו־קו, קו־קו! — האָט געשריגן די קוקעווקע מיט אַלע קויכעס, — קו־קו, קו־קו, קו־קו, — זעקס אַזייגער!

די קוקעווקע האָט זיך ערלעך אָפּגעטון איר אַרבעט און איז צוריק אַרײַנגעשפּרונגען אין איר קליין פֿינצטער שטיבעלע, און דאָס טירעלע האָט זיך פֿאַרמאַכט הינ־טער איר.

די מוטער אַדאָלף האָט אין גאָרטן דערהערט דעם „קו־קו“ און האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דעם בייטל ציבע־לע, וואָס זי האָט געיעט. זי האָט גענומען ציילן אַף די פֿינגער: „איינס, צוויי, פֿיר, פֿינף, זעקס! — אוי־וויי! שוין זעקס אַזייגער, און די זון איז שוין הינטער דעם אַלטן באַרג פּילאַטוס“ — האָט זי געזאָגט. זי איז אופֿגעשטאַנען הינטער די פֿאַרקליאַקנעטע קני, געשטאַנען אַ מינוט און געקוקט אַף די גרינע זײַטן פֿון דעם באַרג פּילאַטוס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַרײַן.

ווײַט, ווײַט פֿון אונטן האָבן די בלויע וואַסערן פֿון ליר־צערנער אָזערע אָפּגעשפּיגלט די פֿײַערדיקע פֿאַרבן פֿון די בערג.

די בערג האָבן זיך געהויבן ווײַט־ווײַט אַף יענער זײַט אָזערע, און פֿון דער נאָענט האָט מען אויסגעזען דאָס קליי־נע דאָרף, וואָס האָט זיך צעוואָרפֿן אין גרינע גערטנער אַף די טעראַסן פֿון דעם אַלטן פּילאַטוס. אין דאָרף האָט מען אָנגעהויבן קלינגען אין קלויסטער. און די קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבער פֿעלדער, פֿאַרזייטע מיט גאָלדבלומען, און צו דער מוטער אַדאָלף האָבן זיי דערגרייכט שוין צו־געשטילטע. די גלעקער אין די נאָענטע דערפֿער זײַנען צוגעשטאַנען צום קלינגען, די לופֿט איז דורכגעשנורעוועט געוואָרן מיט קלאַנגען, און טויזנטער ווידערקוילעס האָבן אָפּגעענטפֿערט פֿון די בערג.

— ווּהין זײַנען דאָס די קינדער אַהינגעקומען? — האָט די מוטער אַדאָלף געפֿרעגט און האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זײַטן. — שוין העכער אַ שאָ, אַז מען הערט ניט ניט דאָס קליינס, ניט דאָס פּערל. — זי האָט צונויפֿגעלייגט די הענט באַם מויל, ווי אַ שיסעלע, און צום כאָר פֿון די בערג איז צוגעקומען איר לידעלע אויך:



אַזוי האָט געזונגען די מוטער אַדאָלף, און פֿון הינטער די ווערבעס, וואָס אַרום טײַכל אין עק גאָרטן, האָבן באַלד אָפּגעענטפֿערט צוויי קינדערשע שטימען מיט זייער מע־לאָדיע:



אין אַ רעגע אַרום האָבן זיך באַוויזן צוויי פאַרברענטע בלאָנדע יאַטלעך מיט בלויע אויגן. זיי האָבן געשלעפּט אַ קאַסטן פון ברעטער אָף רעדלעך, און אין קאַסטן איז געזעסן אַ פּיצל קינד, אַ קײַלעכיקס, אַ ראָזעווס מיט בלויע אייגעלעך.

מיט אַ געלעכטער און מיט געשרייען האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון צו דער מוטער.

אונטן, ערגעץ ווײַט אָף אַ שמאָל שטעגל, פון דאָרף האָט געשפּאַנט אַ מענטש אײַנגעבויגן אונטער אַ שווערן קאָרב מיט ברויט. מיט גרויס מי האָט ער געקלעטערט באַרג־אַרוף.

— זעט, — האָט מוטער אַדאָלף אַ געשריי געטון, — דאָס גייט דער טאַטע פון דאָרף. ער שלעפּט אַ גרויסן קאָרב מיט ברויט. לויף, סעפּי, העלף אים טראָגן. פריץ וועט אויך באַלד קומען מיט די ציגן. זיי זײַנען מיסטאָם הונגעריק ווי די וועלף. ביידע, — פריץ און דער טאַטע. איר הערט?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך אײַנגעהערט.

פונדערווײַטן, פון הינטער די גרינע בערג האָט זיך געטראָגן אַ קאָל פון אַ האָרן, וואָס האָט אויסגעשפּילט אַ שיין לידעלע.

— אָט איז שוין פריץ אויך, — האָט מוטער אַדאָלף אַ געשריי געטון, — לעבעדיקער, סעפּי! און דו, לענעלי, קום מיט מיר אין קיך אַרײַן. ביז איך וועל אָפּקאָכן וועטשערע

און גרייטן צום טיש, וועסטו דערווײַל אָנהאָדעווען ראָזעלין.

זי האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט און מיט גיכע טריט האָט זי זיך געלאָזט גיין צום שטוב. לענעלי איז איר נאָכגעלאָפן. זי האָט געשלעפּט דאָס וועגעלע און האָט זיך דערווײַל געשפּילט אין באַהעלטערלעך מיט ראָזעלין, וואָס איז געזעסן בײַ דער מוטער אַף די אַקסלען.

אַז זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט זיך לענעלי אַנידערגעזעצט אַפן שוועל, און מוטער אַדאָלף האָט איר דערלאַנגט אַף די הענט ראָזעלין, אַליין איז זי אַרײַן אין שטוב אַרײַן. און באַלד האָט מען דערהערט ווי זי פּאָרעט זיך אין קיך, קלאַפּט מיט דער זאַסלינקע און קלינגט מיט בלעכענעם געשיר.

אינגיכן איז זי אַרויס אַף דער טיר מיט אַ טעלער און מיט אַ לעפל אין האַנט.

דעם טעלער האָט זי אָפּגעגעבן לענעלין, און די לעפל האָט אויסגעכאַפּט די קלייניקע ראָזעלי, און פלאַפּלענדיק פון פאַרגעניגן, האָט זי גענומען שטופּן פּריער אין די אויגן, דערנאָך אין ראָזעווע נעזל, און צום מויל האָט זי ניט געטראָפן. ס'איז געווען אַ געלעכטער קוקן אַף ראָזעלין, ווי זי צעפּענט איר ראָזעווו מײַלעכל. זוכט דאָס מיט אַלע קוילעס, און קען דאָס פאָרט ניט געפינען. דער סאָף איז געווען, אַז לענעלי האָט זי גענומען פאַרן הענטל און האָט איר געוויזן דעם וועג בײַ יעדער זופּ.

אַפן קאַרשנבוים איבער זייערע קעפּ איז געזעסן אַ פייגעלע און האָט געזונגען איר אָוונט־לידעלע: „רויטע קאַרשן, רויטע קאַרשן, רויטע קאַרשן אין יוני“, אַזוי האָט

ד, דאכט זיך, בעזונגען. געווים אזוי, ווייל דאס האט דאך לענעלי דערציילט דער קליינינקער, און לענעלי ווייסט שוין געווים, וואס א פייגעלע זינגט.

נאך איידער ראזעלי האט איינגעשלונגען דעם לעצטן ביסן, איז אנגעקומען דער פאטער מיט סעפין, און אין דערזועלבער צייט האט זיך דערהערט דאס טופען פון אסאך קליינע קאפיטעס אף דער הארטער ערד פון זייער הויף, און פון הינטער זייער גרוי שטיבל האט זיך באוויזן דער עלטערער ברודער פריץ מיט די ציגן. בעלא איז אויך אנגעקומען מיט פריצן. ער האט געבילט און געדרייט מיטן עק פון גרויס סימכע, וואס ער איז ווידער אינדערהיים און זעט אלעמען. ער האט זיך א ווארף געטון אף לענעלין, האט איר א לעק געטון די האנט און האט שיר ניט איבער-געקערט די שיסל מיט מילך פון גרויס גדולע. און ראָ-זעלי האט אים אנגעכאפט פאר די לאנגע זיידענע אויערן און האט זיך צעפלאפלט פון פארגעניגן.

— אוועק, בעלא, אוועק! — האט א געשריי געטון לענעלי און האט אופגעהויבן די שיסל הויך איבערן קאפ, — דו וועסט אויסגיסן אונדזער וועטשערע!

בעלא האט אבער געמוזט אויסבעטלען אביסל מילך. ער האט זיך אנידערגעשטעלט אף די הינטערשטע לאפעס, די פאדערשטע האט ער צונויפגעלייגט אף דער ברוסט און האט דריי מאל א ביל געטון. אזוי האט אים פריץ געלערנט.

— מידארף אים געבן א שטיקעלע, אניט וועט ער פאר-געסן זיינע פאקוסן, — האט פריץ זיך צעלאכט, און לענעלי האט אפגעבראכן א שטיקעלע ברויט און א ווארף געטון

פאַרן הונט. בעלאַ האָט אופגעכאַפּט דעם ברויט אינדער־לופטן, אײַנגעשלונגען מיט איין מאָל און זיך גענומען בעטן נאָך.

— ניין, ניין, — האָט לענעלי געזאָגט, — אַצינד, בעלאַ, גיי מיט פריצן און העלף אים פאַרטרײַבן די ציגן אין שטאַל. דערנאָך וועסטו אויך עסן וועטשערע.

פריץ האָט אַ פײַף געטון, און די מינוט איז בעלאַ, ווי אַ קויל, אַוועקגעפלויגן נאָך נעני, נאָך דער שוואַרצער ציג, וואָס איז שוין פאַרקראָכן אין גאָרטן און האָט זיך געפּרוווט פאַרזוכן אַביסל גרינע באַטווענע פון מערן.

— שוין צײַט שלאָפן די קינדער, — האָט די קוקעווקע אַ טראַכט געטון. זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון איר טירעלע און האָט אויסגעשריגן איר „קו־קו" אַזוי ערנסט, אַז לענעלי איז באַלד אופגעשטאַנען און האָט אַוועקגעטראָגן ראָזעלין צום וויגעלע.

ראָזעלי איז דאַפּקע ניט צופרידן געווען מיט דער קו־קעווקע. איר האָט זיך בעסער געגלוסט שפּילן אַביסל מיט בעלאַ און הערן די ליד פון דער וואַכטל. נאָר לענעלי איז געזעסן לעבן איר וויגעלע, און ביז די מאַמע האָט אויסגעמאָלקן די ציגן, האָט זי דערוויַיל געוויגט און געזונגען דערבײַ אַן אַלט לידעלע:

שלאָף, מיידעלע, שלאָף.
דער טאַטע פּאַשעט די שאָף.
די מאַמע טרייסלט מיט ביידע הענט
איבער דײַן קאָפּ אַן אַלטן דעמב.

גרינע בלעטער פאַלן גרינג,
כאַלוימעס פאַלן אַף מײַן קינד.
שלאָף־זשע, מײַן מײדעלע, שלאָף,
דײַן מאַמע װעט זינגען אַ נײַע ליד.
שטערן אין הימל — זילבערנע שאָף,
די לעװאָנע — אַ פּאַסטעך מיט אַ זילבערנער רוט.
שלאָף, קינד מײַנס, שלאָף.

לענעלי האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געזונגען דאָס לידעלע, אַזוי לאַנג, ביז די שװערע װיִעס האָבן פאַרמאַכט ראָזעלים בלױע אײגעלעך. דערנאָכמאָלט איז לענעלי אַראָפּ־געגאַנגען אַראָפּ אין דער פינצטער מיט די סקריפּענדיקע טרעפּ. אין קיך זײַנען שוין געזעסן דער פאָטער, די מו־טער, פריץ און סעפּי. לענעלי האָט זיך געזעצט צום טיש און האָט זיך גענומען עסן דעם זופּ און צוגעביסן ברױט מיט קעז.

נײַן אַזײגער איז שוין אין צימער װידער געװען שטיל און לײדיק. דאָס קלײן מײַזעלע איז אַרױס פון איר נאָרע. בעלאָ האָט פאַרגורעט די נאָז אין די לאַפּעס און איז אָנ־שלאָפן געװאָרן לעבן טיר. הױך איבערן באַרג פּילאַטוס איז געשװוּמען די לעװאָנע איבער דעם אױסגעשטערנטן הימל און האָט באַגאָסן מיט זילבערנער שײַן דאָס קלײן דאָרפיש שטיבל און די שפּיצן פון די בערג, באַדעקטע מיט שנײ.

— קו־קו, — האָט די הילצערנע קוקעװקע געזאָגט נײַן מאָל. און װידער האָבן איר אָפּגעענטפערט אַלע גלעקער אין די דאָרפישע קלױסטערס.

— דאָ איז אַלץ ווי עס דאַרף צו זײַן! — האָט די קוקעוויקע געזאָגט, — מ'דאַרף נאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז מאָרגן דרײַ אַזייגער פֿאַרטאָג דאַרף איך אויפֿוועקן די הענער, די זון — פֿיר אַזייגער, און די מישפּאָכע דאַרף אויפֿשטיין פֿינף. נו, דערווײַל וועל איך גיין אַביסל אַ דרימל טון. זי איז אַרײַנגעשפּרונגען אין זייגער אַרײַן און האָט פֿאַרהאַקט נאָך זיך דאָס טירל.

II. סעפּי און לענעלי לערנען זיך
אַ נײַע אַרבעט.

אין מאָרגן פינף אַזייגער אינדערפרי איז שוין מוטער אַדאָלף געווען אופגעשטאַנען, און די קוקעווקע האָט אופגעוועקט נאָר פריצן. זי האָט דאַפקע געשריגן מיט אַלע קויכעס, אַז ס'איז שוין פינף אַזייגער, נאָר סעפּי און לענעלי האָבן זיך ניט אופגעכאַפּט. זיי זײַנען געשלאָפן זייער שטאַרק.

— פריץ, גיי וועק אוף דאָס פאָרל!—האָט מוטער אַדאָלף געזאָגט און אַליין איז זי אַוועק צו דער שטאַל, ווו מע מעלקט די קי.—נאָר דו זאָלסט מיר ניט אופוועקן דאָס פּיצעלע. כ'וויל, זי זאָל שלאָפן, וויפל עס גלוסט זיך איר.

— גוט, מאַמע,—האָט פריץ געענטפערט און ער איז אַוועקגעלאָפן אוף די סקריפּענדיקע טרעפּ, שפּרינגענדיק אַף עטלעכע טרעפּ מיטאַמאָל.

פריער איז ער צוגעלאָפן צו לענעליס בעטל און האָט איר אַ קיצל געטאָן אין די פּיאַטעס. זי האָט אונטערגעבויגן די פיס און איז זיך ווײַטער געשלאָפן. איז פריץ צוגעגאַנגען צו סעפּיס בעטל און האָט גענומען אים טרייסלען און שטופן, ער זאָל זיך אופכאַפּן. נאָר ס'האָט אים גאָרנישט ניט געהאָלפן. דענסמאָלט האָט ער אָנגעכאַפּט סעפּין פאַר

אַ פּוס און האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער קאָלד־רע. סעפּי האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך אַרופגעוואָרפן מיט אַ געשריי אַף פריצן, און אין אַ רעגע אַרום האָבן זיי ביידע שוין געקײַקלט זיך איבער דער ערד מיט אַזאַ גוואַלד, ווי זיי וואָלטן געווען ווילדע אינדיאַנער. זייער געשלעג האָט אויפגעוועקט לענעלין און ראָזעלין, און מוטער אַדאָלף האָט דערהערט אין ציגן־שטאַל דעם געפּילדער און איז געקומען פּונקט צו דער צײַט, ווען סעפּי איז געזעסן רײַטנדיק אַף פריצן און אָפן בויך האָט ער אים אויסגעקלאַפּט דעם טאַקט פון דעם לידעלע, וואָס ער האָט אין דערזעלבער צײַט געזונגען אַף די העכסטע טענער. ראָזעלי איז געזעסן בײַ לענעלין אַף די הענט און איז שטאַרק צופרידן געווען מיט דעם ספּעקטאַקל.

מוטער אַדאָלף איז איבעראַשט געוואָרן, אַז זי האָט דערזען, וואָס דאָ טוט זיך. זי האָט אַראָפּגעשלעפּט סעפּין פון פריצס בויך און האָט אָנגעשריִגן אַף דעם עלטערן זון.

— פריץ, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב דאָך דיר געהייסן, זאָלסט גיין שטילערהייט און זאָלסט ניט אויפוועקן דאָס קינד.

— איך בין געווען שטיל, — האָט פריץ געזאָגט, אויפשטייענדיק פון דער ערד. — איך בין געווען אַזוי שטיל, וויפל כ'האָב נאָר געקענט, נאָר זיי האָבן ניט געוואָלט אויפשטיין, האָב איך געמוזט אַראָפּשלעפּן סעפּין פון בעט. אַניט וואָלט מען ניט געקענט זיך דערוועקן.

ער האָט אַ קוק געטון אַף דער מוטער מיט אַזוינע אומשולדיקע אויגן, אַז ניט ווילנדיק האָבן בײַ איר אַ ציטער געטון די ליפּן, און זי האָט אַ שמייכל געטון.

— איצט וועל איך שוין וויסן, ווי אַזוי מע קען אויס־פירן עפּעס מיט אַזאַ געזונטן בוכמאַטש, ווי דו, — האָט זי געזאָגט. — בעלאַ וואָלט שוין בעסער געמאַכט פון דיר. אָף ווײַטער וועל איך שוין טאַקע בעסער שיקן בעלאַן.

— איצט, אַז איר זײַנט שוין אַלע אופגעשטאַנען, וויל איך אײַך אָנזאָגן אַ גרויסע נײַס. דער טאַטע האָט מיר נעכטן דערציילט, אַז די געמײַנדע האָט אים אויסגעקליבן פּאַשען די דאָרפישע טשערעדע אין די הויכע אַלפּן. ער וועט שוין דאָרטן בלײַבן מיט דער טשערעדע אָף אַ גאַנצן זומער. ער וועט מיטנעמען מיט זיך פריצן אויך. פריץ וועט פּאַשען די טשערעדע, ווען דער טאַטע וועט זײַן פאַרנומען מיט מאַכן קעז. אין די בערג איז איבעראַל ניטאָ נאָך אַזאַ ספּעציאַליסט אָפן מאַכן קעז, אַזוי ווי אײַער טאַטע, — האָט זי צוגעגעבן מיט גאַדלעס.

די גרעסטע סימכע פאַר אַ ייִנגל אין דעם ראַיאָן אין דער שווייץ איז גיין מיט דער טשערעדע אין די בערג, אָף די הויכע בערגיקע פּאַשעס. פריץ האָט זיך אַזוי דער־פרייט, אַז ער האָט זיך אַזש איבערגעקוליעט אינדער לופטן. און אַז ער האָט זיך צוריק געשטעלט אָף די פיס, איז זײַן פּאָנים געוואָרן ערנסט און פאַרזאָרגט.

— אָבער ווער וועט אַכטונג געבן אָף אונדזערע ציגן? — האָט ער געפרעגט.

— אָך, — האָט די מוטער געענטפערט און האָט שטיל אַ זיפץ געטון. — ווער זאָל אַכטונג געבן, אויב ניט סעפי מיט לענעלין? ביידע אינאיינעם וועלן זיי זיך אײַנפאָרען. דו, פריץ, וועסט נאָך הײַנט זיי מיטנעמען מיט זיך אין די

בערג און וועסט זיי ווייזן דעם וועג אף דער פאשע. דו וועסט זיי אויסלערנען פאשען די ציגן.

— היינט? טאקע אט איצט? היינטיקן טאג? — האט דאס פארל א געשריי געטון. ביז איצט זיינען זיי נאך קיינמאל ניט געווען דארט, ווו מע פאשעט די ציגן, און פאר זיי איז דאס געווען אן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש.

לענעלי האט אבער פלוצלינג א טראכט געטון וועגן דער מוטער. זי האט זיך א ווארף געטון צו דער מאמען אפן האלדז.

— און ווער וועט בלייבן מיט דיר אינדערהיים, מאמע־לע? — האט זי א געשריי געטון. — דו וועסט גאנצענע טעג זיין איינע אליין, ס׳וועט ניט זיין ווער ס׳זאל דיר עפעס העלפן, און דו וועסט ניט האבן מיט וועמען א ווארט אויס־ריידן, סיידן מיט ראזעלין.

— יא, — האט די מוטער א זיפץ געטון, — ס׳איז טאקע אן עמעס. דער זומער וועט פאר מיר זיין זייער א לאנ־גער און ס׳וועט מיר זיין שטארק אומעטיק. נאר וואס קען מען העלפן? ס׳איז קיין אנדער אייצע ניטא. פאר אייך׳איז דאס א גרויסער גליק, וואס דער טאטע מיט פריצן ווען פארדינען געלט אין די בערג. און איר וועט מיט דעם אלטן און קלוגן בעלא איבגיכן ווערן אזוינע גוטע ציגן־פאסטע־כער, אזוי ווי פריץ. דערווייל גייט אפעסן אנבייסן, ווייל די ציגן זיינען שוין אויסגעמאלקן און זיי קענען זיך שוין ניט דערווארטן, מע זאל זיי ארויסטרייבן אין די בערג.

זי האט גענומען ראזעלין אף די הענט און איז שטי־לערהייט אראפ פון די טרעפ. אין א פאר מינוט ארום, אז דאס פארל און פריץ זיינען אראפ אין קיך, האבן זיי שוין

געטראָפן דעם אָנבײַסן אױפן טיש: ברױט מיט מילך, און אין אַ רײנעם לײַװנט איז געװען פאַרװיקלט קעז מיט ברױט אױפן װעג.

דער פאָטער אַדאָלף האָט זיך אומגעקערט פון גאָרטן, װוּ ער האָט אַרומגעגראָבן די קאַרטאָפליעס. ער האָט געװאָלט זען, װי אַזױ די קינדער װעלן צום ערשטן מאָל אַרױס אין די בערג.

פריִער פון אַלעמען זײַנען געגאַנגען די ציגן און האָבן געשטיפט אױף דער פרישער פרימאָרגנדיקער לופט און האָבן געקלונגען מיט זײערע גלעקעלעך. נאָך זײ איז נאָכגעלאָפן בעלאַ מיט אַן ערנסטן אָנשטעל, דערנאָך פריץ מיט אַ האָנישן פעדער אין שלײַפע, מיט אַ קלײנעם האָרן אין האַנט און מיט אַ װעג־פלאַש, אַריבערגעװאָרפן איבערן אַקסל, און צום סאַמע לעצטן איז געגאַנגען דאָס פּאָרל — סעפּי מיט לענעלין.

— נו, איר װעט האָבן אַ לאַנגן װעג, קינדערלעך, — האָט מוטער אַדאָלף געזאָגט און געקושט די קינדער פאַרן געזעגענען זיך, — אײַערע פיסלעך װעלן זיך זײער גיך אײַנמידן פונעם קלעטערן אױף העכער און העכער אין די בערג. נאָר װען יעדערער פון אונדז װאָלט זיך אָפּגעשטעלט, באַלד װי מע װערט אַביסעלע מיד, װאָלט מען קײן שום אַרבעט קײנמאָל אױף דער װעלט ניט אָפּגעטון. קוקט זיך גוט צו צו דעם װעג און איר זאָלט ניט פאַרגײן װײַט פון דער סטעזשקע, װאָס ס׳זאָל זיך ניט טרעפן.

— איר זאָלט פאָלגן פריצן, — האָט דער פאָטער צוגעגעבן. — איר זאָלט זיך האַלטן די גאַנצע צײַט לעבן פריצן מיט די ציגן.

— גוט! — האָט דאָס פּאָרל געענטפערט און האָט זיך געלאָזט אָניאָגן דעם ברודער, וואָס איז שוין דערווײַל אַוועק גאַנץ ווײַט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט דאָרט, ווו די סטעזשקע פאַרקערעוועט הינטער אַ גרויסן פעלז, און האָבן אַ מאַך געטון מיט די הענט צו דער מוטער. פריץ האָט אָפּגעשפּילט זײַן פריילעך לידעלע אָפן האָרן.

דערנאָך זײַנען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער די פעלזן און זיי האָבן מיט אימפעט זיך גענומען גיין אַף די בערג. זיי האָבן געדאַרפט דורכגיין אַסאַך שווערע קילאָמעטער אַרוף־באַרג צו די הייכן, ווו עס פּאַשען זיך די ציגן. זייערע קליינע פיסלעך, וואָס זײַנען נאָך ניט געוווינט געווען צום גיין, האָבן אָנגעהויבן ווי טון אַסאַך פריִער, איידער זיי האָבן דערגרייכט צו די לאָנקעס מיט גרין גראָז, וואָס זײַנען געווען אָפּגעטיילט פאַר זייערע ציגן. זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ אַ פעלד, ווו ס'האָבן זיך געפּאַשעט קי, און בעלאָן איז אָנגעקומען אַ שווער שטיקל אַרבעט צו אײַנהאַלטן די ציגן אַף דער סטעזשקע, ווײַל די פּאַשע איז געווען נאָר פאַר קי, די ציגן אָבער האָבן דאָס ניט געוואָלט פאַרשטיין.

צוויי שאָ נאָכאַנאַנד האָבן זיי געקלעטערט אַלץ העכער און העכער מיט דעם באַרג־שטעגל, וואָס איז די גאַנצע צײַט געלאָפן צווישן פעלזן. ערטערווײַז — בײַ שטראָמיקע טײַכלעך, און אַמאָל — אַף אַ בּרעג פון טיפע אָפּגרונטן. אינדערהייך האָבן זיך געזען די באַרג־שפּיצן, באַדעקטע מיט שניי, און אונטן האָבן זיך געשפּרייט גרינע טאָלן.

צום סאָף, ווען די קינדער האָט זיך שוין אויסגעדאַכט, אַז מער קענען זיי שוין קײַן טראָט ניט טון פון מידקײַט,

זײַנען זײ אַרויס אױף דער ערשטער ציגן־פּאַשע. דאָ האָבן זײ זיך אָפּגעשטעלט. די ציגן זײַנען פֿרײלעך אַרומגעשפּרונגען און האָבן געשטשיפּעט דאָס גראָז, וואָס איז געוואַקסן צווישן די פֿעלזן. בעלאָ האָט זיך אַ מידער אַ וואָרף געטון אױף אַ גלאַטן שטײן און האָט אַרויסגעשטעקט דעם צונג, און פּריץ מיט דעם פּאַרל האָבן זיך אויסגעצויגן אױפֿן ווייכן גראָז.

און באַלד טאַקע האָט סעפּי געמאָלדן:

— איך בין הונגעריק.

— איך אויך,— האָט לענעלי געזאָגט.

— דאָ וועט איר די גאַנצע צײַט זײַן הונגעריק,— האָט פּריץ געזאָגט,— דאָ איז שוין אַ לופט אַזאַ!

— לאָמיר עסן אָנבײַסן,— האָט סעפּי פֿאַרגעלײגט.

פּריץ האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון קעשענע דאָס פּעקעלע מיט אָנבײַסן און האָט עס צעוויקלט.

— ס'איז קלײנינקער אָנבײַסן! ער איז געוואָרן אַסאַך קלענער, ווי ער איז געווען פֿריִער אינדערהײם,— האָט לענעלי געזאָגט,— ווי אַזוי האָט זיך דאָס געטראָפֿן?

— איצט ביסטו מערער הונגעריק, ווי פֿריִער,— האָט פּריץ דערקלערט.

— איך וואָלט אים געקענט אופּעסן אײנער אַלײן,— האָט סעפּי געזאָגט.

— נײן, דו וועסט דאָס ניט טון,— האָט פּריץ זיך צעלאַכט,— איך וועל שוין אַכטונג געבן, אַז דאָס זאָל ניט פֿאָרקומען.

ער האָט צעטײלט דאָס ברויט און דעם קעז אױף דרײַ גלײַכע חלקים און האָט יעדערן אָפּגעגעבן זײַן חלק.

— איצט איז שוין ניט מײַן דײַגע, איר קענט זיך טון מיט אײַער כײלעק, וואָס איר ווילט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר געדענקט, אויב איר וועט אופּעסן אַלץ מיטאַמאָל, איז ביז מ׳וועט זיך דאַרפֿן אומקערן אַהײם, וועט איר זײַן אַזוי הונגעריק, אַז איר וועט כײַשעק האָבן שטשיפּען גראָז צוזאַמען מיט די ציגן. בעסער עסט אויף איצט אײן שטיקעלע און פֿאַרטרינקט מיט וואַסער, און דאָס איבעריקע זאָלט איר נאָכדעם אופּעסן צוביסלעכווײַז.

סעפֿי האָט זשעדנע אַ קוק געטון אויף זײַן פּאָרציע און האָט גענומען אײן שטיקעלע, נאָר מער האָט ער זיך שוין ניט געקענט אָפּשטעלן, ביז ער האָט דערזען, אַז דער גאַנצער אָנבײַסן איז ניט געוואָרן ... און דערווײַל איז ערשט געווען נײַן אַזײגער אינדערפֿרי!

לענעלי האָט גענומען צוויי שטיקעלעך, און דאָס איבעריקע האָט זי פֿאַרוויקלט אין איר טיכל און אַוועקגעלײגט אויף אַ בּרעג פֿון אַ פֿעלז, וואָס איז געהאַנגען איבער זײ, קעדיי זי זאָל זײַן וואָס ווײַטער פֿון אַ ניסאָיען.

בעיס פֿריץ האָט געלערנט סעפֿין, וואָס דאַרף טון אַ ייִנגל אַ פּאַסטעך, האָט לענעלי דערווײַל געפֿונען אַ קלײנע לאָנקעלע, אַ באַוואַקסענע מיט בּלויע הי׳אַצינטן, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און געכאַפּט אַ דרימל.

פֿלוצלינג האָט זיך לענעלי אופּגעכאַפּט, זי האָט דערהערט עפּעס אַ קלונג פֿון אַ גלעקעלע איבערן קאָפּ. אַז זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון, האָט זי פּונקט דערזען, ווי איר אָנבײַסן, צוזאַמען מיט דעם טיכעלע, ווערט פֿאַרשוווּנדן בײַ נעניִן, דער בּרוינער ציג, אין מויל! לענעלי האָט זיך נעבעך צעשריגן פֿון פֿאַרדראָס, און פֿריץ מיט סעפֿין האָבן

געמיינט, אַז זי האָט זיך אוואַדע ערגעץ צעקאַליעטשעט, און האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו איר.

לענעלי האָט אַזש ניט געקענט רעדן פון קאַעס און האָט געוויזן אַף נעבין, וואָס איז געשטאַנען איבער זיי און פון מויל בײַ איר האָט אַרויסגעשטעקט אַ שטיקל טיכעלע.

— אַך, דו פּרעסערקע, דו כּאַזערשע ציג! — האָט לענעלי געשריגן און האָט געטופּעט מיט די פיס. — דו האָסט אופגעגעסן מײַן גאַנצן אָנבײַסן, און איך האָב אופגעגעסן נאָר צוויי דינינקע פּעניצלעך! כ'וואָלט איך שוין געוועזן אופּעסן בעסער אינגאַנצן, אַזוי ווי דער פּרעסער סעפּי!

פריץ און סעפּי זײַנען שטאַרק אין קאַעס געוואָרן אַף דער ציג, נאָר אַז זיי האָבן דערזעען, ווי זי שטייט זיך רויִק און קוקט אַף לענעלין, און ווי אַזוי לענעלי קאָכט און זידלט זיך, האָבן זיי זיך אַ וואַלגער געטון אַף דער ערד פון געלעכטער.

— אײַך איז טאַקע גוט צו לאַכן, — האָט לענעלי אַ בורקע געטון, — אײַערע אָנבײַסנס האָט איר זיך באַוואָרנט, — און זי האָט זיך אויסגעקערעוועט אַ בערויגעזע און זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ שטיין. בעלאַ איז צו איר צוגעלאָפן, זיך צוגעזעצט לעבן איר און איר אַ לעק געטון די האַנט.

פריץ איז אַוועקגעלאָפן פאַרנעמען אַ ציג, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער טשערעדע. אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און אין האַנט האָט ער געהאַלטן זײַן אָנבײַסן.

— אָט, — האָט ער געזאָגט, — קענסט נעמען אַ ביילעק פון מײַן ברויט.

— אַך, פריץ, — האָט לענעלי געזאָגט, — אַדאַנק דיר. דו ביסט אַזאַ גוטער, ניט ווי אָט־אָ די ווערעמדיקע ציג. איך וועל נעמען נאָר אַ דינינק פּענעצל, נאָר אַף אָפּנאַרן דעם מאָגן.

— גוט, — האָט פריץ געענטפערט, און האָט איר דערלאַנגט אַ לוסטע ברויט. — מאָרגן וועלן מיר בעטן די מאַמע, זי זאָל אונדז אַרײַנלייגן מערער ברויט און קעז, און אויב איר וועט נאָך אַלץ זײַן הונגעריק, קענט איר אויסמעלקן די אַלטע נעני, וועט איר זיך דערווײַל שוין צערעכענען מיט איר פאַר דעם אָנבײַסן, וואָס זי האָט אופגעגעסן.

— איך קען דאָך אָבער ניט מעלקן, — האָט לענעלי געזאָגט מיט אַ פולן מויל.

— אָט איז טאַקע פונקט איצט די בעסטע צײַט אַף זיך אויסלערנען, — האָט פריץ געענטפערט. — דו האָסט דאָך געזען, ווי די מאַמע מעלקט. קום, וועל איך דיך אויסלערנען.

נעני איז שוין לאַנג אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם פעלז, און איצט האָט זי געטרונקען פון אַ קליין פינקלדיק טײַכעלע, וואָס איז געלאָפן איבער דער פּאַשע.

— גיי אַהער, — האָט פריץ אַ געשריי געטון צו דער ציג. — וועסט שפּעטער טריגקען. — ער האָט גענומען זײַן פלאַש און האָט זיך געלאָזן גיין צו דער ציג. נאָר די ציג האָט, אַפּאַנים, ניט געוואָלט, מע זאָל איר דולן אַ קאָפּ, און אַז די קינדער זײַנען נאָר צוגעגאַן צו איר, איז זי זיך אוועקגעגאַנגען ווײַטער אַביסל.

— מע דאַרף זי ניט שרעקן, — האָט פריק געזאָגט, — דאָס איז ניט גוט פאַרן מילך.

צוביסלעכווײַז האָט זיך אײַנגעגעבן צוגיין גאָר נאָענט צו דער ציג, נאָר מיטאַמאָל האָט זי אַ שפרונג געטון אַף אַ פעלז, פון דאָרט איז זי איבערגעשפרונגען נאָך אַף אַ העכערן פעלז, ביז זי האָט דערגרייכט אַ זיכער אָרט, אַזוי הויך, אַז דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, קוקנדיק אַהין.

— אָט אַ נעני! זי וועט זיך ברעכן רוק־און־לענד און מיר אויך דערצו, — האָט פריק געזאָגט מיט קאַעס, ווײַל ער האָט דאָך געמוזט גיין אומקערן די ציג אַף צוריק.

ער האָט זיך אַרופגעקאַראַבקעט אַף אַ בוים, וואָס איז געוואַקסן אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז, און פון דעם בוים איז ער אַריבערגעשפרונגען אַף אַ שמאָלן פעלז־קאַנט פונקט לעבן דער ציג.

בעלאַ איז דערווײַל אונטן אַרומגעלאָפן הין און צוריק און האָט אַלעמען טויב געמאַכט מיט זײַן בילן. ער האָט ניט געקענט נאָכשפּרינגען נאָך דער ציג אַף אַזאַ הייך, אָדער אַרופקלעטערן אַפן בוים, אַזוי ווי פריק.

— נו, נו, נעני, קום אַהער! — ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער ציג און האָט פּאַוואָליִנקע זיך צוגערוקט צו איר.

נעני האָט אַ פאָרסקע געטון און האָט זיך אויסגעקעקע־רעוועט צו אים. לענעלי און סעפּי האָבן אַכטונג געגעבן פון אונטן, און ס׳האָט זיי אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם פון שרעק. אויב די ציג וועט צו גיך אַ לויף טון אַף צוריק, קען זי אַראָפּפאַלן פון דעם פעלז און צעשאָטן ווערן אַף שטי־קעלעך, און אויב זי וועט זיך אַ וואָרף טון פאָרויס, קען

זי אַראָפּשטופּן פּריצן. נאָר פּריק איז געווען אַ געניט פּאָס־טעכל. ער האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און האָט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ זשמעניע זאַלץ. ער פלעג שטענדיק האָבן זאַלץ אין קעשענע, טאָמער מאַכט זיך אַזאַ פאַל. די האַנט מיט זאַלץ האָט ער אַרויסגעצויגן צו בענין, און אַליין האָט ער שטיל און פאָרזיכטיק זיך גענומען אָפּרוקן פון דעם ברעג פעלז און האָט מיט גוטן גערופן צו זיך די ציג. אַז די ציג האָט געמאַכט איין שפּאַן פאָרויס, איז ער אויך אָפּגעטראָטן אַף איין שפּאַן און אַזוי האָט ער אַרויסגעפירט די ציג אַף אַ ברייט שטעגל, וואָס האָט פון דער צווייטער זײַט פעלז זיך אַראָפּגעלאָזן צו דעם אָרט, וווּ ס׳האָבן זיך רויִק געפּאַשעט די איבעריקע ציגן.

— אָ, פּריק, איך וואָלט קיינמאָל אַזוי ניט געקענט טון,—האָט לענעלי אַ געשריי געטון, ווען פּריק איז שוין געווען אויסער געפאַר.— איך וואָלט אַזוי מוירע געהאַט.

— און איך וואָלט געקענט,— האָט סעפּי האָפעריק געזאָגט,— איך וואָלט זיך ניט דערשראָקן.

— דאָס קען מען נאָך ניט וויסן, יאַטל,— האָט פּריק געענטפערט,— און דו דאַרפסט גאָר קיינמאָל ניט טון אַזאַ זאַך. אַ גוטער ציגן־פּאַסטעך איז דער, וואָס קען אײַנהאַלטן די ציגן, זיי זאָלן קיינמאָל ניט פאַרלויפן אַף אַזוינע געפערלעכע ערטער. ס׳איז אַסאַך שווערער אײַנהאַלטן די ציגן פון אַזוינע קונצן, איידער דערנאָך זיי פאַרנאַרן אַף צוריק.

לערנען זיך מעלקן האָבן זיי שוין אָפּגעלייגט אַף אַן אַנדערש מאָל.

אַז דער לאַנגער טאָג האָט זיך געענדיקט און די קינ־דער מיט די ציגן האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן מיט די באַרג־שטעגעלעך, זײַנען זיי אָנגעקומען אויף אַ גלײַכער פּרײַער לאָנקע. דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל אָפּ־רוען. סעפּי האָט צוגעהאַלטן נעבן פּאָרן האַלדז און זי געהאָדעוועט מיט אַ בינטל זאַפטיק גראָז, און לענעלי האָט אַליין אָנגעמאָלקן מילך פאַר אַלע דרײַ. ס׳זאָל זײַן גרינ־גער גיין, ווײַל ביז אַהיים איז נאָך פאַרגעשטאַנען אַ שווע־רער און אַ ווײַטער וועג.

מיט אַ געזאַנג און שפּילנדיק אויפן האָרן, זײַנען זיי אַראָפּגעלאָפן מיט דעם סטרימקן באַרג־שטעגל, און האָבן געוועקט אַלערליי ווידערקילעס אין די בערג. זיי זײַנען אַראָפּגעלאָפן אַסאַך גיכער איידער אינדערפרי, ווען זיי האָבן געקלעטערט אַרויפצו. פּונקט זעקס אַזייגער, אַז די גלעקער האָבן געקלונגען, האָבן זיי דערזען זייער אַלטינק שטיבעלע.

פלוצלינג האָט גענוי זיך דערמאָנט אין דעם גרינוואַרג, וואָס זי האָט נעכטן געזען אין דעם גאָרטן, און האָט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטון פּאָרויס באַרג־אַראָפּ מיט אַ שרעק־לעכער גיכקײַט. די גאַנצע טשערעדע האָט זיך אַ יאָג גע־טון נאָך איר, און די קינדער האָבן געמוזט וואָס גיכער לויפן, קעדיי ראַטעווען די מערן אין גאָרטן, וואָס וואָלטן געווים די קאַפּאָרע געוואָרן. די לעצטע מײַל זײַנען זיי דורכגעלאָפן אַזוי געשווינד, אַז נאָך איידער די קוקעווקע האָט אויסגערופן זיבן אַזייגער, זײַנען שוין די קינדער מיט די ציגן מיט דעם הונט אַרײַנגעפלויגן גאַלאָפּ אַלע מיט־אַמאָל אין הויף אַרײַן.

III. אַ שטורעם אין די בערג.

נאָך צוויי טעג איז דאָס פּאָרל געגאַנגען צוזאַמען מיט פּריצן אין די בערג. זיי פלעגן אַרויסגיין גאַנץ פרי. אַ גאַנצן טאָג זײַנען זיי געווען מיט די ציגן אין די בערג, און פאַרנאַכט פלעגן זיי זיך אומקערן צוריק אַהיים. אָפן פערטן טאָג אָבער איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש. אָפן פערטן טאָג האָבן זיי געדאַרפט דעם ערשטן מאָל אַליין אַרויסטרײַבן די ציגן אָף דער פּאַשע און, אויסער־דעם, האָט געדאַרפט פּאָרקומען די גרעסטע געשעעניש, וואָס טרעפט זיך נאָר איינמאָל אין יאָר.

דעם פרימאָרגן האָט מען אַלע קי פון דאָרף אַרויס־געטריבן אין די בערג אָף אַ גאַנצן זומער. אין דעם קליי־נעם דאָרפישן שטיבל זײַנען הײַנט אַלע אופגעשטאַנען פאַרטאָג. בעיס די מוטער אַדאָלף האָט געמאָלקן די ציגן, האָט דאָס פּאָרל מיטגענומען מיט זיך דעם אָנבײַסן און זיי זײַנען אַוועקגעלאָפן צום גרויסן שטיין וואָס לעבן דעם באַרג־שטעגל. פון דעם שטיין האָט מען אַרויסגעזען דאָס גאַנצע דאָרף, וואָס איז געלעגן אין דער נידעריק אָפן באַרג.

ס'איז נאָך געווען פינצטער, ווען דער פאָטער אַדאָלף און פּריץ האָבן זיך געזעגנט מיט מוטער אַדאָלף און מיט ראָזעלין און זיי זײַנען אַוועק אין דאָרף צונויפנעמען די

טשערעדע. מיטן פּאָרל האָבן זיי זיך ניט געזעגנט, ווײַל דאָס פּאָרל האָט געדאַרפט צושטיין צו דער טשערעדע, און די ערשטע צוויי מײַל אין די בערג, ביז דעם אָרט, וווּ די ציגן פּאַשען זיך, האָבן זיי געדאַרפט גיין צוזאַמען.

לענעלי און סעפּי האָבן שוין אויפגעגעסן זייער ברויט און אויסגעטרונקען די מילך און אַז זיי האָבן דערהערט די ערשטע פריילעכע קלאַנגען מוזיק פון דאָרף, האָבן זיי אַזש אָנגעהויבן טאַנצן פון שׂימחה. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייט שוין די טשערעדע און אַלע אײַנוווינער פון דאָרף באַלייטן זי. ס'איז געווען זייער אַ שיינע, אַ יאָנטעוו־דיקע און אַ פריילעכע פּראָצעסיע.

סעפּי איז אָן אַן אָטעם אַוועקגעלאָפן אין שטאַל אַרײַן.

— זיי גייען שוין, זיי גייען שוין! — האָט ער געשריגן.

— אונדזערע ציגן זײַנען שוין פאַרטיק, — האָט מוטער אַדאָלף געענטפערט, — איר קענט זיי שוין אַרויסטרײַבן אויף דער סטעזשקע, בעלאָ וועט אײַך העלפן. דאָרט זאָלט איר וואַרטן ביז די טשערעדע וועט אָנקומען. דערנאָך וועט איר צוזאַמען מיטן טאַטן און מיט פריצן גיין הינטער דער טשערעדע, ביז איר וועט אָנקומען צו די גרויסע סאָסנעס, וואָס וואַקסן דאָרט, וווּ די סטעזשקעס צעגייען זיך. דאָרט וועט אײַך דער טאַטע מיט פריצן איבערלאָזן, און ווײַטער וועט איר שוין דאַרפן גיין איינע אַליין. איר ווייסט גוט דעם וועג? — און די מוטער האָט אומרויִק אַ קוק געטון אין סעפּיס בלויע אויגן.

— אָ, יאָ, מאַמע, — האָט סעפּי געענטפערט מיט אַ זיי־כערקײַט, — האָב קיין דײַגעס ניט, איך ווייס גוט דעם וועג,

און לענעלי אויך. מיר קענען היטן די ציגן ניט ערגער פון פריצן, אַט וועסטו זען.

סעפּי און בעלאָ האָבן אַרויסגעטריבן די ציגן אַף דעם באַרג־שטעגל און האָבן זיי געלאָזן זיי זאָלן דערוויַיל שטשיפּען גראָז. אין עטלעכע מינוט אַרום איז געקומען אַהער די מוטער אַדאָלף אויך, שלעפּנדיק נאָך זיך ראָזע־לין אינעם הילצערן וועגעלע.

די פּראָצעסיע איז אַרויס פון דאָרף. מע האָט זי שוין אויסגעזעען אינגאַנצן אַף דעם געדרייטן סטרימקן באַרג־שטעגל. פאָרויס זיַינען געגאַן דריַי פּיַינע ראָבע קי. בּאַ יעדערער איז אָפּן האַלדז געהאַנגען אַ גלעקל, קימאַט ווי אַן עמער די גרייס, און אַף די הערנער זיַינען געהאַנגען בלומען־קראַנצן. נאָכדעם זיַינען געגאַן דריַיסיק בעהיימעס מיט קליינע גלעקעלעך אָפּן האַלדז. אַלע גלעקעלעך האָבן געקלונגען, און דער אוילעם פון דאָרף, וואָס איז נאָכגעגאַן נאָך דער טשערעדע, האָט אַזוי געזונגען און געפּיַיפט, אַז די גאַנצע לופט איז פול געווען מיט פריילעכע קלאַנגען.

די לעצטע בעהיימע האָט אַף די הערנער געטראָגן אַ טאַבורעט אַף מעלקן, און נאָך איר זיַינען געגאַן די פּאַס־טעכער — פּאָטער אַדאָלף און פּריץ.

בעלאָ האָט אויך פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, און ער האָט דערוויַיל אײַנגעהאַלטן די ציגן אַף דער סטעזשקע, זיי זאָלן זיך ניט צעלויפן ביז די טשערעדע וועט אָנקומען. און אַז סעפּי מיט לענעלין האָבן זיך געלאָזט גיין גליַיך מיט אַלעמען מיט אַ געשריי און מיט אַ זינגעריַי, איז בעלאָ מיט גאַדלעס נאָכגעגאַנגען און האָט געפאָכעט מיטן עק אַזוי ווי מיט אַ פלאַג.

מוטער אַדאָלף איז געווען שטאַלץ בײַ זיך, קוקנדיק אַף איר מאַן און אַף די קינדער. נאָר אַז מע האָט זי שוין מער ניט אויסגעזוכט און מ׳האָט שוין קאַם געהערט די מור־זיק פונדערווײַטנס, האָט זי אויסגעווישט די אויגן מיטן פאַרטעך און איז אַוועק מיט דער קליינער ראָזעלין אַהיים.

די אײַנוווינער פון דאָרף האָבן נאָך אַביסל באַלײט די טשערעדע, און דערנאָך האָבן זיי זיך צעשפּרייט צוריק אין דאָרף אַרײַן, שוין אָן לידער. ס׳איז געוואָרן ווידער שטיל אין די בערג.

אַלץ העכער און העכער האָט געקלעטערט די טשע־רעדע קי און ציגן, זיך געדרייט אַף די פעלזיקע שטעג־לעך, ביז מ׳איז אָנגעקומען צו די ג ר ו י ס ע ט אַ ס נ ע ס.

פאַטער אַדאָלף און פריץ האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט.

— געדענקט זשע,—האָט פאַטער אַדאָלף אָנגעזאָגט צום פּאָרל,—די ציגן—דאָס איז אונדזער אײנציק פאַרמעגן. אויב זיי וועלן פאַרבלאָנדזשעט ווערן, צי זיי וועלן פאַרפאַלן ווערן אָדער אַראָפּפאַלן פון די פעלזן און געהאַרגעט ווערן, וועט איר זײַן שולדיק אין דעם. איר דאַרפט זײַן געטרײַ, מוטיק און גוט אַכטונג געבן. איר דאַרפט ניט דערלאָזן, אַז ס׳זאָל זיך עפּעס טרעפן מיט די ציגן, אַז ניט וועלן מיר הונגערן אַ גאַנצן ווינטער.

דערנאָך האָט דער פאַטער מיט פריצן זיך געזעגנט מיט די קינדער און זיי האָבן זיך צעשיידט. די קינדער זײַנען געגאַן אײנע אַליין און האָבן געפילט, אַז זיי טוען זייער אַ גרויסע און וויכטיקע אַרבעט.

בעלאָ איז געווען אַ הונט אָף כּידושים. ער האָט, אַפּאָנים, געקענט ציילן, ווארעם טאָמער פלעג אַמאָל פעלן אַ ציג, האָט ער בּאַלד געחוּשט. ער פלעג בּאַלד אָנהייבן אַרומלויפן איבּער די שטעגלעך, פלעג שמעקן די לופט און פלעג זיך ניט אומקערן, בּיז ער האָט ניט געפונען די פאַרפאַלענע ציג און זי ניט פאַרטריבּן צוריק אין טשערעדע אַרײַן. ער איז געווען זייער אַ קלוגער און אַ פאַרשטאַנדיקער. נאָר איצט, אַז ער האָט דערזעען, אַז פריץ איז אַוועק אין איין זײַט און די ציגן אין אַ צווייטער, איז ער אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. ער איז געשטאַנען, ווו די וועגן צעגייען זיך, און האָט געקוקט אַמאָל אָף איין שטעגל, אַמאָל אָף דער צווייטער, און האָט טרויעריק געהוילט.
דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטון נאָך פריצן.–

— ניין, ניין, בּעלאָ! גיי צו די ציגן! — האָט פריץ אָף אים אָנגעשריגן. בּעלאָ האָט אַראָפּגעלאָזן די אויערן און דעם עק, און האָט זיך געבּעטן בּאַ פריצן מיט די אויגן.

פריץ האָט שוין אָפּגעגעבּן סעפּין זײַן האָרן און איצט האָט ער געשריגן:

— סעפּי! שפּיל אָפן האָרן!

סעפּי האָט ניט געקענט אויסשפּילן דאָס פריילעכע לידעלע, וואָס פריץ פלעג שטענדיק שפּילן, און ער האָט אַרויסגעלאָזן פונעם האָרן עפּעס אַ שרעקלעכן קוויטש.

בּעלאָ האָט געוווּסט, אַז ער מוז שטענדיק נאָכגיין נאָכן קלאַנג פונעם האָרן, אַפילע אויבּ מע מוז צוליבּ דעם זיך צעשיידן מיט פריצן.

— ביסט אַ גוטער, געטרײַער הונט! — האָט פּריץ געזאָגט און האָט געגלעט בעלאָן איבערן רוקן. — גײ, גײ טרײַב די ציגן.

בעלאָ האָט אים אַ לעק געטון די האַנט און האָט זיך געלאָזט לויפן אין די בערג נאָך די ציגן.

אַז בעלאָ האָט אָנגעיאָגט די ציגן, איז ער פֿאַרלאָפן אַפּריער און האָט זיך גענומען זײ טרײַבן צוריק צו פּריצן. סעפּין איז זײער שווער אָנגעקומען אים צו דערקלערן, אַז די ציגן דאַרפֿן גײן אױף דער פּאַשע אַזוי ווי שטענדיק. און אַז בעלאָ האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פֿון אים, האָט ער ערלעך זיך גענומען צו דער אַרבעט. טרײַבן די ציגן אין די בערג אַרײַן. נאָר ער איז שוין מער ניט אַרומגעלאָפן פֿריילעך אַרום דער טשערעדע און האָט שוין מער ניט געבילט אױף יעדער אײַנגעפֿאַלענעם בוים. ער איז טרויעריק געגאַנגען לעבן לענעלין און האָט זיך געטוליעט מיט דער נאָז איר אין האַנט אַרײַן.

— זע נאָר, סעפּי, — האָט לענעלי געזאָגט, — בעלאָ פֿאַרשטײט, אַז ער דאַרף אונדז העלפֿן פּאַשען די ציגן, נאָר ס׳וווילט זיך אים בעסער גײן מיט פּריצן.

— אױף דער וועלט זײַנען דאָ אַסאַך מענטשן אַפֿילע, וואָס פֿאַרשטײען ווייניקער פֿון בעלאָן, — האָט סעפּי געענטפֿערט.

סעפּי האָט גענומען דעם האָרן צו די ליפּן, האָט אָנגעבלאָזן די באַקן און האָט גענומען טרובען מיט אַלע קוױכעס, און דער ווידערקאָל האָט צעטראָגן דעם קאָל אין די בערג. פֿונדערווײַטן האָט זיך דערהערט פּריצס ענטפֿער. בעלאָ האָט אָנגעשטעלט די אויערן און האָט אָנגעהויבן

הוילן. פריץ מיט סעפּין האָבן נאָך אַ שטיק צײַט זיך איבער־גערופן מיט די האָרנס, נאָר וואָס ווײַטער זיי זײַנען געגאַנגען, אַלץ שטילער זײַנען געוואָרן די קלאַנגען, און אינגיכן האָבן זיי שוין איינער דעם צווייטן אינגאַנצן ניט געהערט.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז דאָס פּאָרל געבליבן אין די בערג איינע אַליין מיט בעלאָן און מיט די ציגן.

אַז זיי זײַנען אָנגעקומען אויף דער פּאַשע, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון אויפן גראָז. לענעלי האָט אַרויסגענומען איר האַנט־אַרבעט פון קעשענע און האָט זיך גענומען שטריקן. בעלאָ האָט אַ זיפץ געטון, זיך אויסגעצויגן לעבן איר און האָט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון די ציגן. די זון האָט געוואַרעמט, און ס'איז געווען שאַ־שטיל. מ'האָט נאָר געהערט, ווי די ציגן קלינגען מיט זייערע גלעקעלעך און פליקן דעם צײַטיקן גראָז

סעפּי האָט זיך אַנידערגעזעצט שפּילן אויפן האָרן. ער האָט זיך געוואָלט אויסלערנען שפּילן פריצס לידעלע, נאָר ס'האָט זיך באַקומען עפּעס אַ הייזעריק רעווען.

לענעלי האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן אַזאַ מוזיק, האָט זי אויסגעריסן אַ גרעזעלע און האָט עס אָנ־געצויגן צווישן די פינגער. זי האָט זיך אונטערגעגאַנוועט צו סעפּין פונהינטן און האָט אַ בלאָז געטון אין דעם אָנ־געצויגענעם גרעזעלע מיט אַלע קויכעס. ס'האָט זיך דער־הערט אַ ווילדער קוויטש, דער ווידערקאָל האָט אים אויפ־געכאַפּט פון אַלע זײַטן, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע לופט ווערט צעריסן אויף שטיקער.

סעפּי האָט אַ געשריי געטון און האָט פּאַרשטעקט די אויערן מיט די פינגער.

— ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט? — האָט ער אַ געשריי געטון מיט קאַעס. — כ'האָב שוין שיר ניט אויסגעלערנט זיך אויסשפּילן דאָס לידעלע, איז זי געקומען מיט איר פּײַף.

— גוט, — האָט לענעלי געזאָגט, — גוט, וואָס דו האָסט שוין שיר ניט אויסגעלערנט זיך, אָבער וואָס אַזוי לאַנג לערנסטו? ס'איז מיר שוין נימעס געוואָרן. מײַן פּײַף איז ניט ערגער פון דײַנעם. נאָר מער וועל איך שוין ניט פּײַפן, אויב דו וועסט אויך אופהערן.

סעפּי האָט אומצופרידן אַוועקגעלייגט זײַן האָרן. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט און האָט גענומען באַטראַכטן דעם־ וווּנדערשיינעם אויסזען, וואָס האָט זיך צעוואָרפן פאַר זייערע אויגן. אַף יענער זײַט טאָל האָט דער באַרג־רוקן ריגי אופגעהויבן זײַן קאַם צום סאַמע הימל. די קליינע דערפעלעך מיט זייערע ווײַסע קלויסטערלעך זײַנען ווי שפּילעכלעך געלעגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געדרימלט אין שײַן פון דער זון. אַף יענער זײַט אָזערע האָט מען אויסגעזען די שטאָט ליוצערן. זי איז פונדערווײַטנס געווען אַזוי ווי אַן אויסגעמאָלטע, ווײַל פון אירע רוישיקע גאַסן האָט אַהער קײַן איין קלאַנג ניט דערגרייכט און קײַן איין ריר אין די גאַסן האָט מען פונדאַנען ניט געזען. די ווײַסע דאַמפּערס אַף דער אָזערע האָבן אויסגעזען, ווי ווײַסע באַ־בעלעך, וואָס פלאַטערן איבער דער בלויער וואַסער.

— מיר דאַכט זיך, אַז מיר זען אויס פונדאַנען די גאַנצע וועלט, — זאָג, עפּשער ניט? — האָט לענעלי גע־פרעגט.

— פּע, ניין, — האָט סעפּי געענטפערט מיט שפּאָט. — מיר זעען ניט אַפילע דעם גרעסטן טייל פון דער וועלט. נאָר דערפאַר איז דאָס דער בעסטער טייל. פאַרשטייסט, ס'זײַנען נאָך פאַראַן ערגעץ אָקעאַנען, וואָס זײַנען גרעסער פון דער ליוצערנער אָזערע און טיפער עפּשער אַף אַ גאַנצער מײַל. הײַנט איז נאָך ערגעץ דאָ פּאַריזש און לאָנדאָן.

— סעפּי, — האָט זיך לענעלי אָפּגערופן, — די מאַמע זאָגט, אַז אין די בערג זײַנען מיר נעענטער צו גאָט, און אַז ער קען ק[illegible]ן אַראָפּ און זען אַלע מענטשן און וואָס זיי טוען. נאָר איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי קען ער דאָס טון אַלץ מיטאַמאָל?

— נו יאָ, ער קען ניט, נאַר. — האָט דער ברודער געענטפערט נאָך מיט מער שפּאָט. — וואָסי, דו ווייסט ניט, אַז די ערד איז אַ קײַלעכיקע? איז ווי אַזוי קען מען זען, וואָס עס טוט זיך אַף יענער זײַט ערד. איך מיין, אַז דערפאַר מאַכט ער נאַכט, קעדיי איין זײַט זאָל זײַן אין דער פינצטער, און ער זאָל דערווײַל קוקן אַף דער צווייטער זײַט.

סעפּי האָט ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געטראַכט פון דעם, נאָר אַז די שוועסטער פרעגט בײַ אים, מוז ער דאָך ענטפערן, כאָטש ער פאַרשטייט ניט מערער פון איר.

און לענעלי האָט אַלעמאָל געגלויבט סעפּין, אַפילע אַז ער האָט גערעדט נאַרישקײַטן. האָט זי אויסגעהערט זײַן ענטפער און האָט זיך ווידער גענומען צו דער האַנטאַרבעט.

די ציגן האָבן זיך שטילערהייט געפּאַשעט אַרום זיי. די לופט איז געווען ריין, און די זון האָט געוואַרעמט. אַף דעם

שניי־ווײַסן רוקן פֿון דעם באַרג ריגי זײַנען געהאַנגען קליינע שטיקלעך וואָלקנס. זיי זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל לענגער און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אױף די זײַטן פֿונעם באַרג.

— אין ליוצערן גייט אַ רעגן, — האָט סעפּי געזאָגט.

די וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און האָבן אינגאַנצן פֿאַרדעקט דעם טאָל. אין די געדיכטע כמאַרעס האָט געבליצט און געדונערט.

— דאָ איז אַזוי ניט היימלעך. די כמאַרעס האָבן צוגעדעקט די גאַנצע וועלט, און דאָ איז קיינער ניטאָ. ס׳אַזוי אומעטיק, עמעס? — האָט לענעלי געפֿרעגט.

— וואָס הייסט דאָ איז קיינער ניטאָ? — האָט סעפּי איר צוגעגעבן מוט, — נו, און בעלאָ, און די ציגן?

ער האָט אַ קוק געטון אינדערהייך. קליינינקע וואָלקנדלעך האָבן זיך איצט געקליבן אַרום די שפּיצן פֿון דעם אַלטן פּילאַטוס. די זון איז מיטאַמאָל ניט געוואָרן, און אױף סעפּין האָט אַ קאַפּע געטון אַ טראָפּנדל.

— אין אַ מינוט אַרום וועט דאָ אויך גיין אַ רעגן און זייער אַ שטאַרקער, — האָט סעפּי געזאָגט.

— וואָס־זשע טוט מען? — האָט לענעלי געפֿרעגט און איז אופֿגעשטאַנען און צונױפֿגעלייגט איר האַנט־אַרבעט.

— וואָס קען מען טון? — מע וועט מוזן אַביסל דורכגעווייקט ווערן, — האָט פֿריץ געענטפֿערט. — דאָ איז ניטאָ וווּ זיך באַהאַלטן.

— מע מוז דאָך עפּעס טון, — האָט לענעלי געזאָגט. — איך וועל גיין אַ זוך טון, און דו מיט בעלאָן גיט אַכטונג אױף די ציגן.

זי איז אַוועקגעלאָפן זוכן. און אין אַ מינוט אַרום האָט סעפּי דערהערט איר קאָל פון אַ שפּיץ פעלז, נידעריקער אַביסל פון דעם אָרט, ווו ער איז געשטאַנען.

די ציגן, בעלאַ און סעפּי האָבן זיך באַלד געלאָזט לויפן אַראָפּ מיט דעם באַרג־שטעגל, צו לענעלין. זי איז געשטאַנען אונטער אַ גרויסן אַרויסגערוקטן פעלז. וואָס איז געווען באַשיצט פון אַלע זײַטן מיט צווײַגן פון אַ צעוואַקסענער סאָסנע. בעלאַ און סעפּי זײַנען אויך אַרונטערגעלאָפן אונטערן פעלז, און די ציגן האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אַרום זיי. ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורעם. ס'האָט געבליצט, געדונערט, און ס'האָט געגאָסן, ווי מיט עמערס. פאַרבײַ דעם פעלז האָט זיך געטראָגן אַ קאַלאַמוטנער, קאַכעדיקער שטראָם.

די קינדער האָבן זיך פאַרוקט אין דער באַהעלטעניש אַזוי טיף, אַז מער האָט מען שוין ניט געקענט, און זיי האָבן קײַן וואָרט ניט אויסגערעדט. נאָר איינמאָל, אַז אַ ריטשקע וואַסער איז אַראָפּגערונען פון אויבן גלײַך צו לענעלי אין האַלדז אַרײַן, האָט זי אַ געשריי געטון „אוי!“ מיט אַזאַ קאָל, אַז סעפּי האָט אַזש אַ ציטער געטון.

לאַנג זײַנען זיי אַזוי געזעסן, און דער שטורעם האָט געווילדעוועט אַרום זיי... נאָר צוביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבן שטילער ווערן. דער דונער האָט זיך געקײַקלט אַלץ ווײַטער און ווײַטער. דער רעגן האָט אופגעהערט און די זון האָט ווידער אַ שײַן געטון.

— דער שטורעם איז שוין איבערגעגאַנגען, — האָט סעפּי געזאָגט, — מיר קענען שוין אַרויסקריכן פון־דאַנען.

דאָס פּאָרל איז שוין אַרויסגעקראָכן פון אונטער דעם פעלז, און די ציגן זײַנען שוין אַרומגעלאָפן איבער די אַרומיקע פעלזן און האָבן געשטשיפּעט די פּײַכטע גראָז.

דאָס ריטשקעלע, וואָס איז פריִער אַראָפּגערונען צו לענעלין אין האָלדז אַרײַן, האָט איר אויסגעשמירט דאָס גאַנצע קליידעלע, און איצט האָט זיך לענעלי געדרייט אין אַלע זײַטן און האָט באַטראַכט דעם אומגליק, וואָס האָט איר געטראָפן.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ מוירעדיקער ליאַרעם און הילך, ווי ס׳וואָלט ווידער אָנגעהויבן דונערן, נאָר דער הימל איז געווען בלוי און לויטער.

די קינדער האָבן דערשראָקענע זיך אַ וואָרף געטון איינער צום אַנדערן, און בעלאָ האָט זיך ווידער באַהאַלטן אונטערן פעלז.

— אַ שניי־אײַנפאַל! — האָט לענעלי קאָם אַרויסגעשטאַמלט און האָט געציטערט פון שרעק. — דער טאַטע האָט געמיינט, אַז הײַנטיקן פרילינג וועט שוין ניט זײַן... אַך... ס׳אַראַ גוטקײַט ס׳איז איצט זײַן אינדערהיים.

ווײַט, ווײַט פון דער נידעריק האָט זיך געטראָגן אַ טרישטשען מיט אַ הילך פון ביימער, וואָס זײַנען אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, און פון פאַלנדיקע רודעס שניי, וואָס האָבן זיך צעשלאָגן אויף שטיקלעך אין די פעלזן און זײַנען געשפּרונגען פון איין שטיין אויפן אַנדערן. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט צעריסן אויף שטיקלעך. דערנאָך האָט אויפגעהערט דונערן און ס׳איז געוואָרן מוירעדיק שטיל. די קינדער האָבן גוט געוווּסט

די גרויסע סאָקאָנע פון אַזוינע שניי־אײַנפאַלן. נאָך פון קינדורײַז אָן האָבן זיי זיך אָנגעהערט אַלערלײַ מײַסעס פון וועג־מענטשן, וואָס זײַנען לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן אונטער רודעס אײַז און שניי. און פון גאַנצע דערפער, וואָס זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד אָדער פאַרשאָטן געוואָרן מיט שטיינער, ביימער און ערד, און קײַן איין אײַנוווינער פון דאָרט האָט שוין מער די לעבעדיקע שײַן ניט געזען.

פריִער פון אַלץ האָבן זיי אַ טראַכט געטון פון זייער מוטער.

— ווי רעכנסטו, אונדזער שטוב איז ניט פאַרשאָטן געוואָרן? — האָט לענעלי געפרעגט.

סעפּי האָט אַ קלער געטון און האָט געענטפערט:

— ניין, דאָס קען ניט זײַן. צווישן דער באַרג־זײַט און צווישן אונדזער הויז איז דאָ אַ טיפער טאָל, און דער שניי האָט זיך דאָרט געמוזט פאַרהאַלטן. איך בין זיכער, אַז אונדזער שטוב איז גאַנץ.

— און דער טאַטע! און פריץ! — האָט לענעלי אַ געשריי געטון.

— זיי זײַנען שוין פאַרגאַנגען אויף יענער זײַט באַרג און דער שניי־אײַנפאַל האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אין דער זײַט. אויף יענער זײַט וואַרעמט ניט אַזוי די זון, און דאָרט קען ניט זײַן קײַן שניי־אײַנפאַל.

— טאָ קום שוין אַהיים, — האָט לענעלי געזאָגט, — ס'איז נאָך דאָפּקע פרי, נאָר איך קען שוין ניט וואַרטן ביז פאַרנאַכט. איך וויל שוין גיכער וויסן, וואָס מאַכט די מאַמע און ראָזעלי.

— מיר דאַרפֿן פּאַשען די ציגן אַ גאַנצן טאָג, — האָט סעפּי דערווידערט, — אַז ניט וועלן זיי קיין מילך ניט געבן.

— סײַ־ווי וועלן זיי שוין קיין סאַך מילך ניט געבן, זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, — האָט לענעלי געענטפערט, — און מיר וועלן גיין פּאַמעלעך, וועלן זיי זיך דערווײַל אונטערפּאַשען אויפֿן וועג.

זי האָט אײַנגעוויקלט אין אַ פּעקעלע איר אָנבײַסן, צוגעבונדן דאָס פּעקעלע צו איר באַרג־שטעקן און איבערגעוואָרפֿן איבערן אַקסל. דערנאָך האָט זי אַ רוף געטון בעלאַן און האָט זיך גענומען צונויפֿטרײַבן די ציגן.

סעפּי האָט זיך נאָך אַביסל געקווענקלט, צי זאָל ער אויך נאָכגיין, און דערנאָך האָבן זיי אַלע זיך געלאָזט גיין אַראָפּ־באַרג.

ווידער האָט די זון געשײַנט, און גרינגע ווײַסע וואָלקנדלעך זײַנען געשווומען איבערן טיפֿן בלויען הימל, אַזוי ווי ס׳איז גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען.

סעפּי האָט זיך געפֿילט עפּעס שלעכט, אַזוי ווי ער וואָלט באַגאַן עפּעס אַ פֿאַרברעכן.

— ס׳איז דאָך געווען ניט מער ווי אַ שטורעם, — האָט ער געזאָגט, — און דער שניי־אײַנפֿאַל איז שוין איבערגעגאַנגען און האָט קיינעם ניט געשאַדט. איך טראַכט, וואָס וואָלט געווען, ווען דער טאַטע איז איצט אינדערהיים. ער וואָלט געמיינט, אַז מיר זײַנען קליינע קינדערלעך, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי דערשראָקן.

לענעלי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט און איז זיך געגאַנגען ווײַטער.

זיי זײַנען אָנגעקומען צו די גרויסע סאָסנעס, ווו די וועגן צעגייען זיך און ווו זיי האָבן אינדערפרי צעשיידט זיך מיטן פֿאָטער און מיט פּריצן, און האָבן פֿאַרקערעווען אױפֿן שטעגל, וואָס צו זייער שטוב.

די קינדער זײַנען אַביסל אָפּגעשטאַנען פֿון דער טשערעדע. פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט, אַז בעלאָ האָט שטאַרק אָנגעהויבן בילן.

— דאָס איז נעני, — האָט סעפּי געזאָגט, — איך בין זיכער, זי וויל זיך שוין ערגעץ ברעכן רוק־און־לענד.

ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן נאָך דער טשערעדע, און לענעלי איז זיך פּאַמעלעך נאָכגעגאַנגען. אין אַ רעגע אַרום איז סעפּי געקומען צולויפֿן צוריק אַ בלייכער און אַ דערשראָקענער.

— דאָס איז ניט נעני, ס'איז דער שניי־אײַנפּאַל, — האָט סעפּי געזאָגט. — ער האָט פֿאַרשאָטן דעם גאַנצן טאָל, און מיר קענען איצט ניט דורכגיין אַהיים.

זיי זײַנען אַרופֿגעגאַן אױף אַ הויכן פֿעלז און האָבן מיט שרעק געקוקט אַראָפּ אין טאָל אַרײַן.

דאָרט, ווו אינדערפרי איז געווען אַזוי פֿריילעך, ווו ס'איז געגאַן די טשערעדע און אַלע אײַנוווינער פֿון דאָרף מיט מוזיק, איז איצט געלעגן אַ יאַם שניי, אײַז און שטיינער און האָבן פֿאַרוואַלגערט דעם וועג.

דער שניי־אײַנפּאַל האָט פֿאַרשאָטן ס'קליינע באַרג־טײַכל, ווו די טשערעדע פֿלעג געוויינלעך זיך אָפּשטעלן טרינקען, און פֿון דעם טײַכל איז געוואָרן אַ קליינע אָזערע, וואָס איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ ברייטער און טיפֿער. די ציגן האָבן אומרויִק געמעקעט, און בעלאָ איז גאָר

צעטומלט געוואָרן און איז אַרומגעלאָפן הין און צוריק מיט אַ ווילדן בילן.

די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ מעסער־קענער לאַגע זיי זײַנען. אײנע אַליין אין די בערג, אָפּגעשניטן פון דעם דאָרף און אָן עסן, אויסער דעם אָנבײַסן, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען אינדערפרי.

זיי זײַנען געווען אַזוי דערשראָקן, אַז זיי האָבן אַפילו ניט געקענט רעדן, און עטלעכע מינוט זײַנען זיי געשטאַנען אָן ווערטער און האָבן געקוקט, ווי ס׳הייבט זיך די וואַסער אין דער קליינער אָזערע. דערנאָך איז לענעלי געקומען צו זיך און האָט געזאָגט:

— קום צוריק צו די גרויסע סאָסנעס און דאָרט וועלן מיר באַטראַכטן, וואָס מיר האָבן צו טון.

סעפּי האָט אָנגעהויבן פײַפן אין האָרן, נאָר בעלאָ, אָנשטאָט ער זאָל פאַרנעמען די ציגן, האָט ער אַ קוק געטון אויף סעפּין און האָט אָנגעהויבן הוילן.

פאַר בעלאָן איז הײַנט געווען אַ טאָג מיט שרעקלעכע געשעענישן. אָנגעהויבן האָט זיך פון דעם, וואָס פריץ האָט אים אַוועקגעטריבן און אים ניט געוואָלט נעמען מיט זיך. דערנאָך האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם. און אינמיטן דערינען קערט מען זיך אום אַהיים ניט פאַרנאַכט אַזוי ווי שטענדיק, נאָר אינמיטן העלן טאָג, און איצט, טאָמער איז נאָך קאַרג, איז ניט געוואָרן דער וועג, — ווי אַזוי זאָל מען דאָ ניט צעטומלט ווערן.

סעפּי האָט זיך אַ וואָרף געטון צום ברעג פון דער וואַסער און האָט פאַרטריבן די ציגן אַרויף. אַז די ציגן האָבן זיך גענומען שטשיפּען דעם גראָז אַרום די סאָסנעס, האָט

סעפּי און לענעלי זיך צוגעזעצט אונטער אַ גרויסער סאָס־נע און האָבן גענומען קלערן וואָס טוט מען.

— מיט דעם וועג קענען מיר ניט דורכגיין, געוויס ניט, — האָט סעפּי געזאָגט, ווײַזנדיק אויפֿן פֿאַרוואַלגערטן דורכגאַנג.

— אָבער דאָ קענען מיר דאָך אויך ניט בלײַבן, — האָט לענעלי געזאָגט, און האָט שיר ניט געוויינט. — ערגעץ דאַרף דאָך דאָ זײַן אַ וועג, עפּשער אין אַן אַנדער זײַט.

— דאָ איז פֿאַראַן דער וועג, וואָס זייער טאַטע מיט פֿריצן זײַנען איבערגעפּרי מיט אים אַוועקגעגאַנגען, — האָט סעפּי געענטפֿערט, — לאָמיר אים באַטראַכטן. ערגעץ דאַרף ער דאָך אַרויספֿירן.

— עפּשער איז דער וועג אויך פֿאַרוואַלגערט, — האָט לענעלי געזאָגט.

— איך וועל זיך דורכגיין אַ קוק טון, — האָט סעפּי פֿאַרגעלייגט, — און דו בלײַב דאָ און גיב אַכטונג אויף די ציגן.

— איז גיב מיר דײַן האָרן, — האָט לענעלי געבעטן, — איך וועל פֿון צײַט צו צײַט פּײַפֿן, אַז דו זאָלסט קענען גע־פֿינען דעם וועג צוריק. דו געדענקסט, וואָס דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט? אַז מ׳טאָר קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן די סטעזשקע, ווײַל אין די בערג איז זייער גרינג זיך פֿאַר־בלאָנדזשען.

— יאָ, ס׳איז אַן עמעס, — האָט סעפּי געענטפֿערט. — פּרוּוו באַר, צי דו קענסט פּײַפֿן אין האָרן.

לענעלי האָט צוגעטראָגן דעם האָרן צו די ליפּן און האָט זיך אַזוי אָנגעבלאָזן, אַז דאָס גאַנצע פּנים איז גע־וואָרן רויט, און דער האָרן האָט קוים־קוים אַ פּישטשע געטון.

— בעסער וועל איך שוין נעמען דעם האָרן מיט זיך,— האָט סעפּי געזאָגט,— און פון צײַט צו צײַט וועל איך פײַפן. דו קענסט מיר אָפּענטפערן, פײַפנדיק מיט אַ גראָז אַזוי ווי דענסטמאָל. — מײדעלעך, פאַרשטייט זיך, קענען זיך ניט באַגיין מיט קײַן האָרן.

לענעלי איז געווען אַזוי פאַרזאָרגט, אַז זי האָט אים גאָרנישט ניט אָפּגעענטפערט, און סעפּי איז אַוועק מיט דער אומבאַקאַנטער סטעזשקע.

לענעלי האָט זייער לאַנג אָפּגעענטפערט אויף סעפּיס סיגנאַלן, נאָר צוביסלעכווײַז איז דער האָרן געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער, ביז ער איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן, און זי האָט שוין גאָרנישט ניט געהערט.

— אוי, וואָס וועל איך טון, אויב סעפּי וועט שוין מער ניט קומען,— האָט זי געקרעכצט און האָט גע־פײַפט מיט אַלע קויכעס, נאָר קיינער האָט איר ניט גע־ענטפערט.

לאַנג, לאַנג האָט זי זיך צוגעהערט, ביז זי האָט ווידער דערהערט סעפּיס האָרן פונדערווײַטנס.

— ער גייט, ער גייט,— האָט זי אָנגעהויבן שפּרינגען פון שׂימחה, און האָט געפײַפט מיט איר גראָז.

סעפּי האָט זיך באַוויזן אויף דער סטעזשקע.

— קום,— האָט ער געשריגן און האָט געמאַכט מיט די הענט.

לענעלי האָט אַ רוף געטון בעלאַן און האָט פאַרנומען מיט אים די ציגן.

— דער שניי־אײַנפאַל איז פאָרגעקומען אין דער זײַט פון אונדזער דורכגאַנג,— האָט סעפּי געזאָגט, ווען לענעלי

איז צו אים צוגעגאַן אַביסל בעסער. — אין יעדער זייַט איז אַפּילע קיין זייבער ניטאָ פון קיין שני.

— עפּשער, אַז מיר וועלן גיין מיט דער סטעזשקע אַרויף, וועלן מיר אָניאָגן דעם טאַטן און פריצן? — האָט לע־נעלי געפרעגט.

— איך האָב אויך פריער אַזוי געמיינט, — האָט ספּפּי געענטפערט, — נאָר אויב דאָ וועט זיך ערגעץ געפינען אַ סטעזשקע אַראָפּ־אַ־באַרג, דאַרפן מיר זיך אַראָפּלאָזן און גיין אַהיים באַרויִקן די מאַמע. דער טאַטע און פריץ ווייסן אַפּילע ניט פון דעם שני־אייַנפאַל און זיי האָבן קיין יעסורים ניט; אָבער די מאַמע, אויב מיר וועלן ניט קומען אַהיים, וועט זי מיינען, אַז מיר זייַנען אומגע־קומען.

— כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז מיר זאָלן קענען פליִען, — האָט לענעלי געזאָגט.

— דאַרפן מיר שוין וועלן, אַז די ציגן זאָלן אויך האָבן פליגל, — האָט ספּפּי זיך געכאָכמעט, — ווייַל דו געדענקסט דאָך, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט, — אַז מיט די ציגן טאָרן מיר זיך ניט צעשיידן, וואָס ס׳זאָל ניט פאָר־קומען.

כאָטש לענעלין איז געווען ביטער אויפן האַרצן, האָט זי זיך צעלאַכט.

— דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ פּאָנים ס׳וועט האָבן, אַז די ציגן וועלן פליִען מיט אונדז און בעלאָ אויך? — האָט זי געזאָגט. — און ס׳וואָלט פּאַרט געווען גי־כער ווי איצט, קאָם וואָס זיי שלעפּן זיך, — האָט זי צוגע־געבן און האָט אונטערגעטריבן נעבין מיטן שטעקן.

— זיי זײַנען הונגעריק,—האָט מעפּי געזאָגט,—זיי האָבן נאָך הײַנט קימאַט גאָרניט ביט געגעסן פון זינט דער שטורעם איז איבערגעגאַן.

פּלוצלינג איז אים אײַנגעפאַלן א גליקלעכער געדאַנק.

— איך בין אויך הונגעריק,—האָט ער געזאָגט,—און דו אויך מינאַסטאַם, איז ווייסט וואָס? לאָמיר אָפּעסן אונד־זער אָנבײַסן, און די ציגן וועלן זיך דערווײַל אביסל פּאַ־שען, וועלן זיי האָבן מער קויעך און וועלן קענען גײן גיכער אביסל.

IV. אַ פּאַסטעך אין די בערג.

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אַף מײַרעוו־זײַט, ווען זיי האָבן אופגעגעסן די לעצטע ברעקלעך ברויט און קעז, פאַרטרונקען מיט וואַסער פונעם באַרג־טײַכל און זיך געלאָזט גיין ווײַטער. דער וועג איז ניט געווען קיין שווערער, ווײַל ער איז געווען אויסגעטראָטן פון דער טשערעדע, וואָס איז דאָ דורכגעגאַן איבדערפרי. זיי זײַנען דורכגעגאַן עטלעכע מײַל און האָבן קײַן לעבעדיקן נעפעש ניט באַגעגנט. ס'איז דאָ אַפילע קײַן סימען ניט געווען פון קײַן מענטשלעכער וווינונג.

דער וועג איז צוביסלעכווײַז געוואָרן אַלץ ווילדער און האָט זיך געשלענגלט העכער און העכער אַרויף־באַרג.

— שוין באַלד פינצטער, — האָט לענעלי געזאָגט, און דאָס קאָל האָט בײַ איר געציטערט, — מיר גייען די גאַנצע צײַט אַרויף און קײַן וועג אַראָפּ־באַרג איז אַלץ ניטאָ. סעפּי, ווי מײַנסטו, דאָ זײַנען דאָ בערן און וועלף?

— ס'קען זײַן, — האָט סעפּי געענטפערט, — און ער האָט אָנגעהויבן זינגען, קעדיי זיך מאַכן אַ האַרץ. — נאָר אויב זיי זײַנען דאָ, האָבן זיי ליב בעסער ציגן, און אַף אונדז וועלן זיי מיסטאָמע אַפילע ניט קוקן.

— גוט אזוי, — האָט לענעלי אַ דערשראָקענע געענטפערט, — איך מיין, אַז זיי וועלן אָנהייבן פון נעניין.
דער טאָג איז געוואָרן בלאַס, די שאָטנס זײַנען געוואָרן לענגער, און די קינדער האָבן שוין געטראַכט בײַ זיך, אַז אינגיכן וועלן זיי זיך דאַרפן צעלייגן דאָ אויף דער סטעזשקע צווישן די ציגן און וואַרטן אויף אינדערפרי.
אומגעריכט האָט זיך די סטעזשקע מיטאַמאָל פאַרקערעוועט און האָט זיי ארויסגעפירט אויפן שפּיץ פון אַ באַרג. די קינדער האָבן דערזעען ווײַט, ווײַט, אין דער נידעריק דעם טאָל. אויף יענער זײַט טאָל האָבן זיך געצויגן בערג־שפּיצן, באַדעקטע מיט שניי, און האָבן אָפּגעשפּיגלט די גאָלדענע שײַן פונעם זונפאַרגאַנג, און ערגעץ האָט געשאַלט אַן אַלפּינישער האָרן. אינדערווײַטן, פון דער אַנדערער זײַט טאָל, האָט אָפּגעענטפערט אַ צווייטער האָרן, דערנאָך אַ דריטער און אַ פערטער. און דער ווידערקאָל האָט אויפגעכאַפּט די קלאַנגען און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די בערג אַליין זינגען.
די קינדער האָבן זיך אײַנגעקוקט אין דער זײַט פון די קלאַנגען און האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, אַז זיי האָבן פונדערווײַטן דערזעען אַ פּאַסטעך, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ פעלז איבערן טאָל מיט זײַן לאַנגן האָרן אין האַנט.
די קינדער האָבן זיך געלאָזט גיין גיכער. די סטעזשקע האָט נאָכאַמאָל פאַרקערעוועט, און ס׳האָט זיך פאַר זיי געעפנט אַ גרינע לאָנקע, וווּ ס׳האָט זיך געפּאַשעט אַ טשערעדע בעהיימעס, און אויפן עק לאָנקע איז געשטאַנען אַ פּאַסטעכשע שטיבעלע, צונויפגעשלאָגן פון קלעצער.

דער פּאָסטעך אַליין איז געשטאַנען לעבן שטיבל מיט זײַן האָרן אין האַנט. ער האָט אַ פאַרכידעשטער אָנגעקוקט די צווײ קינדער און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי קומען זיי אַזוי שפּעט איינע אַליין אין די בערג.

ס׳איז געווען אַן אַלטער מענטש מיט אַ צעקאָשמעטער רויער באָרד און מיט גרויסע פאַרכידעשטע אויגן. לעבן אים איז געשטאַנען זײַן הונט מיט אויסגעצויגענע אויערן און מיט אַן אויסגעצויגענעם וויידל. דער הונט האָט בײַן גערייטשעט.

די קינדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פונדערווײַטן און האָבן מוירע געהאַט צוגיין, נאָר בעלאָ האָט פאַר גאָרנישט ניט מוירע געהאַט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון פאָרויס מיט אַ פריילעכן בילערײַ. ביידע הינט האָבן זיך באַשמעקט און דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן אַראָפּ מיט דער סטעזשקע, גלײַך ווי זיי וואָלטן שוין געווען באַקאַנט פון געבוירן אָן.

דער פּאָסטעך איז שטילערהייט צוגעגאַן צו זיי.

— וואָס האָט זיך געטראָפן, פאַרוואָס זײַנט איר אַזוי שפּעט נאָך אין די בערג מיט די ציגן? — האָט ער געפרעגט בא די קינדער.

דאָס פּאָכל האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

דער פּאָסטעך איז געשטאַנען אַביסל און האָט זיך געקראַצט דעם קאָפּ, ער האָט ניט געוווּסט וואָס טוט מען מיט די קינדער.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איר קענט דאָך ניט צו נאַכט־צו זיך לאָזן אַראָפּ פון די בערג, דאָס איז זיכער, און איר זײַט שוין מינאַסטאָם אַזוי הונגעריק, אַז איר

קענט אופעסן אַ גאַנצן אָקס־אַ געקאָכטן, דאָס איז אויך זיכער. און דערצו זײַנען נאָך אַמערע ציגן אויך הונגעריק. קײַן ציגן טאָרן זיך ניט פּאַשען אַף דער לאָנקע, זיי טאָרן אָבער ניט שטאַרבן פון הונגער. ס'אין קײַן אומגליק ניט, אויב זיי װעלן דאָ פּאַרבּרענגען איין אָװנט.

ער האָט נאָכאַמאָל אַ קראַץ געטון דעם קאָפּ, און לענעלי האָט זיך שוין מער ניט געקענט אײַנהאַלטן. זי האָט מוירע געהאַט, ער זאָל ניט אַוועקגיין און זאָל זיי דאָ ניט לאָזן אַליין, און אַ גרויסע טרער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פון אירע אויגן און איז געבליבן הענגען אַף איר שפּיץ נאָז.

— גענוג, גענוג,—האָט דער אַלטער פּאַסטעך געזאָגט מיט זײַן האַרציק קאָל,—וויין ניט, ברעקעלע, ס'איז גאָרניט אַזוי שלעכט. ס'האָט געקענט זײַן אַסאַך ערגער. שלאָפן וועט איר קענען דאָרט אַפן היי,—און ער האָט געוויזן מיטן האַנט אַף זײַן שטוב,—און איצט וועל איך אײַך געבן עפּעס עסן און די ציגן אויך.

— מיר קענען זיך אָנטרינקען מיטן ציגן־מילך,—האָט לענעלי פאָרגעלייגט,—און איר קענט זיך צונעמען דעם איבעריקן מילך, וואָס וועט בלײַבן.

— מיר וועלן מוזן צום ערשטן מאָל אַליין מעלקן,—האָט סעפּי געזאָגט,—מיר פלעגן דאָס קיינמאָל ניט טון, די מאַמע פלעג אַלעמאָל מעלקן.

— איך קען זייער גוט מעלקן,—האָט לענעלי אַ געשריי געטון מיט גאַדלעס,—דו געדענקסט ניט, אַז פריץ האָט מיך אויסגעלערנט דענסטמאָל אינדערפרי, אַז נעני האָט אופגעגעסן מײַן אָנבײַסן?

— איך וועל אײַך געבן אַן עמער אַף מילך, — האָט דער פּאַסטעך געזאָגט, — די בעהײמעס זײַנען שוין אויסגעמאָלקן.

באַלד האָט ער געבראַכט פון שטוב צוויי עמער, און בעשאַס לענעלי האָט זיך געפּאָרעט מיט איין ציג, האָט ער געמאָלקן די צווייטע. און סעפּי האָט געשטופּט ביידע ציגן בינטלעך גראָז, זיי זאָלן שטיין רויִק. די ציגן האָבן פון גאַנצפרי ביז איצט קיין גוטן גראָז ניט געזעען, איז קיין כידעש ניט, וואָס איצט האָבן זיי זיך אַ נעם געטון אַזוי געשמאַק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָפּפּליקן די גאַנצע לאָנקע.

דער פּאַסטעך האָט אומרויִק אַ קוק געטון אַף זיי און האָט אַ קראַץ געטון דעם קאָפּ.

— אײַערע ציגן האָבן טאַקע דעם עמעסן אַפּעטיט, — האָט ער טרויעריק געזאָגט. — זיי ווילן דאָ, דאַכט זיך, גאָרנישט ניט איבערלאָזן, אויסער זאַמד און שטיינער.

נאָכן מעלקן האָט דער אַלטער באַזעצט די קינדער אַפן באַנק לעבן שטוב, און בעשאַס זיי האָבן געקוקט אַף דער לעוואָנע, וואָס איז אויפגעגאַנגען איבער די בערג, האָט ער זיי דערוויַל דערציילט וועגן זײַן שטוב און זײַן דאָרף, פּופצן מײַל פונדאַנען, וועגן זײַן ווײַב און וועגן זײַנע צוויי אייניקלעך, וואָס ווינען דאָרט בײַ אים.

— דאָס איינציקע, וואָס איר קענט טון, — האָט ער געזאָגט, — איז זיך אַראָפּלאָזן אין דער זײַט באַרג. אונטן וועט איר ערגעץ איבערנעכטיקן בײַ מיר אין שטוב, אָדער ערגעץ אין אַן אַנדער שטוב אַפן וועג, און דערנאָך וועט אײַך נאָך בלײַבן אַ צען מײַל ביז אײַער אייגענעם דאָרף.

— אָבער ווי אַזוי וועלן מיר געפינען דעם וועג? — האָט לענעלי געפרעגט מיט אַ ציטעריקן קאָל.

דער אַלטער האָט זיך ווידער אַ קראַץ געטון אין קאָפּ און האָט געענטפערט:

— יאָ, ס׳איז ניט גרינג אײַך אויסמאָלן דעם וועג, ס׳איז זייער אַ שווערער דורכגאַנג. איך וואָלט געגאַן מיט אײַך, נאָר איך בין דאָ אײנער אַליין, און איך טאָר ניט איבער־לאָזן די בעהיימעס אפילו אויף אַ האַלבן טאָג ניט. נאָר איר דאַרפט ניט מורא האָבן. אַ הונט און ציגן האָבן אַ גוטן כוש, און זיי פילן שטענדיק וווּהין מ׳דאַרף גיין, און אויסער דעם האָבן יינגעלעך און מיידעלעך פון דער שווייץ קיינמאָל פאַר גאָרנישט ניט מורא.

— און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַביסעלע מורא, — האָט לענעלי זיך מודה געווען.

זי האָט אַ קוק געטון אויף דער לעוואָנע און האָט אַ טראַכט געטון, אַז ערגעץ שײַנט זי דאָרט איבער זייער אַלטינק שטיבעלע, און פון דער מאַמע, וואָס איז איצט מי־נעסטאַם דול פון צאָרעס און פון שרעק, האָט זי געטראַכט און פון דער לאַנגער רײַזע, וואָס זיי דאַרפן נאָך מאַכן ביז זיי וועלן זיך נאָך אַמאָל זעען מיט דער מאַמען, און כאָטש לענעלי האָט זיך אָנגענומען מיט אַלע קויכעס זי זאָל אײַנהאַלטן די טרערן, האָט זיך אומגערן אַרויסגעריסן באַ איר אַ כליפּע, נאָר באַלד האָט זי אופגעהערט. דער אַלטער האָט דאָס דערהערט.

— אויף וואָס דאַרף מען דאָס, דער רועך זאָל דאָס נע־מען? — האָט ער געזאָגט, און האָט זיך געצופּט די האָר אויפן קאָפּ. — דאָס דאַרף מען קיינמאָל ניט טון, אויף וואָס דאַרף

מען דאָס, דער רוצח זאָל דאָס נעמען! דערמאָן זיך אין ווילהעלם טעל! דערמאָן זיך אין פּיערן, וואָס האָט גע־וווינט בײַ אונדז אין ליוצערן און האָט געראַטעוועט די גאַנצע שטאָט! דורכפירן א קליינע טשערעדע ציגן דורך אן אומבאַקאַנטן באַרג־דורכגאַנג איז דאָך א שפּילעכל אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס ער האָט אופגעטון. און ער איז דאָך אויך געווען ניט מערער ווי א קליין ייִנגל, אַט אַזאַ ווי סעפּי. און איך האָב אַלע מאָל געמיינט, אַז מיידעלעך זײַנען העלדישער פון ייִנגעלעך.

לענעלי האָט א זיפץ געטון און האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגלײַכט.

— איך מיין, איך בין קימאַט זיכער, אַז איצט וועל איך שוין זײַן א העלדישע,—האָט זי געזאָגט.—דערציילט אונדז פון פּיערן.

— מיט פאַרגעניגן,—האָט דער פּאַנ׳טעך געענטפערט.

„פּיער איז געווען א לעבעדיקער, שיינער יאַט, און קיי־נער האָט ניט געקלערט, אַז ער איז א העלד. אים אַליין האָט זיך דאָס אַפּילע ניט געכאָלעמט. איר זעט, איר אַליין קענט ניט וויסן, צי איר זײַנט העלדן, ביז ס׳וועט קומען די צײַט, און אײַער העלדישקײַט וועט זיך אַרויסווײַזן. דענסטמאָל, אויב איר וועט טון דאָס, וואָס ס׳וועט זיך פאָדערן פון אײַך, וועט איר שוין וויסן, אַז איר זײַנט העלדן.

„גוט, איז איינמאָל זומער אַפּדערנאַכט איז פּיער זיך געגאַנגען באָדן אין אָזערע. און נאָכן באָדן, אַז ער איז אַרויס אַפן ברעג און האָט זיך אָנגעטון, איז ער געווען אַזוי מיד, אַז ער איז אַנדרימלט געוואָרן. פון שלאָף האָט

ער דערהערט עפּעס שטימען, און אַז ער האָט אופגעעפנט די אויגן, האָט ער באַמערקט, אַז פינף אָדער זעקס מענטשן גאַנוועגען זיך בײַ דעם ברעג.

— אהאַ,—האָט פּיער בײַ זיך אַ קלער געטון,—אַזוי גייען ניט קיין ערלעכע מענטשן.

„ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן עלנבויגן און האָט אָנגעהויבן נאָכקוקן נאָך זיי. זיי האָבן אים ניט געזען.

„ער האָט דערזען, אַז נאָך דער ערשטער גרופּע גאַנ־ווענען זיך נאָך אַסאַך מענטשן, און צווישן זיי האָט ער דערקענט דעם פּאַרוואַלטער ראָזענבערג.

„ער האָט געוווּסט אויף אים, אַז ער איז אַן עסטרײַכער און ער איז אַ בלוטיקער סוינע פון ליוצערן. ער האָט גע־הערט, ווי די מענטשן רעדן צווישן זיך און האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָ שמעקט מיט סאַקאָנע פאַר די אײַנוווינער פון דער שטאָט. דערפאַר איז ער זיי נאָכגעגאַן, האָט זיך באַהאַלטן אונטער פעלזן און קוסטעס אַזוי לאַנג, ביז פּלוצלינג זײַנען זיי פאַרשווונדן געוואָרן, אַזוי ווי די ערד וואָלט זיי אײַנגעשלונגען. פּיער האָט זיך געגאַנוועט און האָט זיי געזוכט, ביז ער האָט דערזען אַ שוואַך פײַערל, וואָס האָט געשײַנט צווישן די פעלזן פון אַ פינצטערער הייל, און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז געפערלעך, האָט ער זיך געלאָזט גיין אויפן פײַער און איז אָנגעקומען אין אַ לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר".

— אָ,—האָט לענעלי אַ ציטער געטון,—איך וואָלט ניט געקענט זײַן אַזאַ העלדישע. איך האָב ניט ליב קיין פינצ־טערע ערטער.

„פּיער האָט געוווּסט, אַז דער טונעל גייט אונטער די ווענט פון דער שטאָט און אין דער צווייטער זײַט גייט ער אַרויס אין אײַנער אַ פערד־שטאַל אין ליוצערן, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עמעצער, אַפּאָנים, אַ פאַרעטער, האָט דערציילט די עסטרײַכער וועגן דעם טונעל. דאָס ייִנגל איז צוגעקראָכן אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער גרופּע מענטשן, ביז ער איז שוין געווען אַזוי נאָענט, אַז ער האָט שוין געקענט הערן וואָס מ׳רעדט. איך קען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי דאָס בלוט איז אים פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, אַז ער האָט דערהערט, ווי איינער, אַ מענטש, וואָס ער האָט אים געקענט, דערקלערט ווי אַזוי מ׳קען גרינג פאַרכאַפּן די שטאָט. ער האָט גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שרעקן ס׳וועלן פאָרקומען הײַנט בײַנאַכט אין ליוצערן, אויב די סאָנים וועלן דערגרייכן די צווייטע זײַט פונעם טונעל, און ס׳איז אים אײַנגעפאַלן דער געדאַנק, אַז ער מוז באַלד אויפהייבן אַ ליאַרעם אין שטאָט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני און האָט אָנגעהויבן פּויזען צוריק צום אַרײַנגאַנג. פּלוצלינג האָט ער דערהערט, אַז עמעצער גייט אַרײַן אין טונעל. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון און האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען, נאָר דער אַרײַנגאַנג איז געווען אַ שמאָלער. מ׳האָט אים געכאַפּט און מ׳האָט אים אַרויסגעשלעפּט אַף דער ליכטיקער שײַן“.

— אוי, אוי,—האָט דאָס פּאָרל אַ געשריי געטון, און ס׳האָט זיי פאַרכאַפּט דער אָטעם פון שרעק.—ס׳איז דאָך פּונקט אַזוי ווי אין אַ בייזן כאָלעם.

— ס׳איז ניט געווען קײַן כאָלעם,—האָט דער פּאָסטעך געזאָגט,—אַז דער פאַרעטער, וואָס האָט געהייסן זשאַן דע־

מאַלטערס, האָט דערזעען פּיערן, איז ער געוואָרן אופגע-טראָגן.

— ווי קומסטו אהער? — האָט ער א רעווע געטון מיט אזא קאָל, אַז די ערד האָט אָנגעהויבן ציטערן.

— איך בין אַנשלאָפן געוואָרן אַפן ברעג, און אַז איך האָט מיך אופגעוועקט, בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך אייַך א קוק טון וואָס טוט זיך דאָ, — האָט פּיער געענטפערט.

— איך גלויב דיר ניט, ס'האָט דיך ווער געשיקט פאַר א שפּיאָן, — האָט זשאַן דע־מאַלטערס געשריגן און האָט גע-טרייסלט פּיערן. — ווער האָט דיך געשיקט?

— קיינער ניט, — האָט פּיער געענטפערט, — כ'האָב אייַך געזאָגט דעם עמעס.

— דו זאָגסט א ליגן, — האָט זשאַן דע־מאַלטערס א גע-שריי געטון. — איך גיב דיר צוויי מינוט, דו זאָלסט דערציילן, ווער האָט דיך געשיקט, און אויב דו וועסט ניט דערציילן, וועלן מיר דיך הארגענען.

„פּיער האָט גיבעך געטראַכט פון זייַן היים, פון זייַן מאַמע און טאַטן, און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט פון בענ-קען און פון שרעק. ער איז געווען אזוי דערשראָקן, אַז ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

— אויב אזוי, דאַרף ער שטאַרבן, — האָט זשאַן דע־מאַל-טערס געזאָגט, ווען די צוויי מינוט זייַנען דורכגעגאַן און פּיער האָט נאָך אַלץ געשוויגן.

דאָ האָט זיך אַרייַנגעמישט איינער פון די עסטרייַכער.

— ניין, — האָט ער געזאָגט. — ס'איז ניט קיין גוטער סימען, אויב מיר וועלן אָנהייבן אונדזער באַנאַכטיקע אַרבעט פון פאַרגיסן קינדערש בלוט. זאָל ער זיך שווערן, אַז ער וועט

קיין איין לעבעדיקן נעפעש ניט דערציילן, וואָס ער האָט געזעען, און לאָז אים אָפּ.

„זשאַן דע־מאַלטערס האָט דאַפקע געטײַנעט, אַז מ׳טאָר דאָס ייִנגל ניט אָפּלאָזן, מ׳דאַרף אים הארגענען, נאָר מ׳האָט אים ניט געפאָלגט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אים באַפרײַט, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן אַהיים, אַזוי ווי א ווינט“.

— איצט זעט איר שוין, — האָט דער אַלטער פּאַסטעך געזאָגט צו די קינדער, — אַז ס׳איז געווען א שווערע לאַגע פאַר פּיערן. ער האָט געשוואָרן, ער זאָל קיין איין לעבעדיקן נעפעש ניט דערציילן, וואָס ער האָט געהערט און געזעען, נאָר אויב ער זאָל ניט אויפהייבן אין שטאָט קיין ליאַרעם, וואָלטן אומגעקומען זײַנע עלטערן, פרײַנט און אַלע אײַנוווינער פון שטאָט.

„יענעם אָוונט זײַנען זיך צונויפגעקומען פּיערס פאָטער און נאָך עטלעכע מענטשן אין דער שטאָטישער זאַל פון ליורצערן צו באַטראַכטן עטלעכע געזעלשאַפטלעכע איניאָנים.

„פּלוצלינג איז אַרײַנגעפלויגן פּיער אין צימער אַרײַן, א בלייכער און א דערשראָקענער. די מענטשן זײַנען צוגעלאָפן צו אים, זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט ער געבראַכט שרעקלעכע נײַס. נאָר ער האָט זיי גאָרנישט ניט געזאָגט און איז צוגעלאָפן גלײַך צו דעם קאַכעלנעם אויוון.

— אָ, אויוון! — האָט פּיער געזאָגט. — איך האָב געהערט שרעקלעכע זאַכן און איך האָב געשוואָרן, אַז איך זאָל קיין איין לעבעדיקן נעפעש ניט דערציילן, נאָר דו, אויוון, ביסט דאָך ניט קיין לעבעדיקער, מעג איך דיר דערציילן, אַז די עסטרײַכער זײַנען איצט אין טונעל אונטער די ווענט פונעם

שטאָט, און אַז אײַנמיטן נאַכט װעלן זײ זיך אַרײַנרײַסן אין שטאָט אַרײַן און װעלן אױסהאַרגענען אַלע מענטשן.

„פֿריִער האָבן אַלע געמײנט, אַז פּיער איז אַראָפּ פֿון זינען, נאָר אַז ער האָט געענדיקט דערצײלן דעם אױװן אָלצדינג, װאָס ער האָט געהערט און געזען, האָבן זײ באַלד אָנגענומען מיטלען אָף ראַטעװען די שטאָט.

„אַזױ האָט פּיער געראַטעװעט ליוצערן. װען ער זאָל געװען זײַן אַ שרעקנדיקער אָדער ניט אַזױ האַמצאָעדיק, װאָלט ער גאָרנישט ניט געװען אױפֿטון.

„יענעם אָװנט האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהײַט פֿאַר פּיערן, ער זאָל באַװײַזן װער איז ער אינדערעמעסן, און ער האָט די געלעגנהײַט ניט דורכגעלאָזן. דאָס איז אַ גרױסע זאַך, אַז מע לאָזט ניט דורך קײַן געלעגנהײַטן“.

דער אַלטער פֿאַסטעך איז אַנשװיגן געװאָרן און האָט געקוקט אָף דער לעװאָנע. און די קינדער זײַנען געזעסן זײער לאַנג און האָבן קײַן װאָרט ניט אױסגערעדט.

דערנאָך האָט סעפּי געזאָגט:

— אױב פּיער האָט געקענט ראַטעװען אַ גאַנצע שטאָט, װעלן מיר ניט קענען זיך אַראָפּלאָזן מיט עטלעכע ציגן פֿון די בערג?

— פֿאַרשטײט זיך,—האָט דער פֿאַסטעך געזאָגט.—אָט האָט איר אײַך אַ געלעגנהײַט און איר קענט באַװײַזן, װער זײַ[illegible]ר אינדערעמעסן. אַז איר װעט קומען אַהײם, װעט איר[illegible]ן זען, אַז איר זײַנט העלדן. און, טאַקע אַזױ, װען ס'װאָלטן ניט געװען קײַן סאַקאַנעס, װאָלט דאָך ניט מעגלעך געװען צו װערן אַ העלד. און איצט, קינדערלעך, קריכט אַרױף אָפֿן הײ, און איך װעל אײַך מאָרגן אױפֿװעקן קאַיאָר, איר זאָלט ניט פֿאַרשפּעטיקן אין װעג אַרײַן.

V. דער באַרג-דורכגאַנג.

די גאַנצע נאַכט זײַנען די קינדער געשמאַק געשלאָפֿן. אינדערפֿרי האָט זיי דער אַלטער פּאַסטעך אויפֿגעוועקט.

— שטייט אויף, קלײנינקע העלדן, — האָט ער געשריגן, — די זון קוקט שוין פֿון יענער זײַט באַרג ריגי, און ס'איז שוין אײַך צײַט גיין.

סעפּי און לענעלי האָבן זיך אויסגעוואַשן, געריבן די אויגן און אַ לאַנגע צײַט האָבן זיי ניט געקענט פֿאַרשטיין, וווּ זײַנען זיי און ווי קומען זיי אַהערצו. דערנאָך האָבן זיי זיך דערמאָנט, זײַנען זיי אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם היי און זײַנען אַרויסגעלאָפֿן אין הויף. זיי האָבן זיך אײַנגעוואַשן אינעם באַרג־טײַכל, וואָס איז געלאָפֿן לעבן שטוב.

זיי האָבן באַלד אויסגעמאָלקן די ציגן, אָפּגעגעסן אָנבײַסן, און אַז די קינדער האָבן זיך געלאָזט איינע אַליין אין דער ווײַטער, געפֿערלעכער רײַזע, איז שוין די זון געשטאַנען גאַנץ הויך.

דער אַלטער פּאַסטעך האָט זיי אײַנגעבונדן ברויט מיט קעז אויף אָנבײַסן. לענעלי האָט צוגעבונדן דאָס פּעקעלע אויף איר אַלפּינישן שטעקן, און סעפּי האָט אַ רוף געטון בעלאָן, ער זאָל צונויפֿקלײַבן די ציגן. נאָר די ציגן זײַנען געווען אַזוי צופֿרידן מיט דעם זאַפֿטיקן גרינעם גראָז,

אז זיי האָבן גאָר. קיין כּיישעק ניט געהאַט פאַרלאָזן די פּאַשע. זיי האָבן זיך געשפּילט, געשפּרונגען און זיך גע־שטעלט אף די הינטערשטע פיס און זיך געבּוטשקעט מיט די הערנער. ס׳האָט געדויערט ניט קיין ביסעלע, ביז סע־פין מיט בּעלאָן האָט זיך איינגעגעבן זיי צוגרייטן אין וועג אריין.

דער אַלטער פּאַסטעך האָט געוואָלט אַביסל-באַלייטן די קינדער. האָט ער אויסגעמאָלקן זייער פרי זייגע בּעהיימעס, און איצט האָט ער איבּערגעלאָזט די טשערעדע אף זיין אַלטן הונט און האָט-דורכגעפירט די קינדער אראָפּ מיט דעם באַרג-שטעגל.

די פרימאָרגנדיקע לופט איז געווען אַזוי לויטער און פריש, די זון האָט אַזוי ליכטיק געשיינט איבער די שניי-באַדעקטע בּערג, אַז די קינדער האָבן קימאַט פאַרגעסן, וואָס פאַר א געפאַר עס שטייט זיי פאָר אף דעם אומבאַ־קאַנטן וועג. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין אַזא וווּנדער־לעכן, שיינעם טאָג קען קיין שום שלעכטס ניט פאָרקו־מען.

זיי האָבן זיך פריילעך געזעגנט מיט דעם אַלטן גוטן פּאַסטעך. ער האָט זיך שוין געמוזט אומקערן צוריק צו זיין טשערעדע.

פון דעם אָרט, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיי דערזעען די סטעזשקע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ אין א לאַנגן, שמאָלן טאָל, א פאַרקלעמטן צווישן הויכע פעלזן. די סטעזשקע איז געווען ענלעך אף א דין פּע־דימל, וואָס האָט זיך געדרייט דורך וועלדער, איז געלאָפן פאַרבּיי וואַסערפאַלן און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידע־

ריקער און נידעריקער, ביז זי איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ערגעץ ווײַט, ווײַט בײַ אַ קליין דערפֿעלע מיט אַ ווײַסן קלויסטער־טורעמל.

דער אַלטער האָט זיי אָנגעוויזן אויפֿן וועג.

— גייט מיט דער סטעזשקע און איר זאָלט געדענקען פֿיערן פֿון ליוצערן,— האָט ער זיי געזאָגט,— איר האָט איצט אַ געלעגנהייט באַווײַזן, אַז איר זײַנט אויך העלדן. האָט פֿאַר גאָרנישט קיין מורא, וועט זײַן רעכט.

ער איז געשטאַנען אויף אַ פֿעלז און האָט זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי האָבן פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַט און ער האָט זיי שוין מער ניט אַרויסגעזען, ערשט דענסטמאָל האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צו זײַנע בעהיימעס.

ס'איז איבערגעגאַן אַ שעה, און די קינדער האָבן לעבעדיק געשפּאַנט איבער דער סטעזשקע.

— ס'איז גאָרניט שווער,— האָט סעפּי געזאָגט,— מיט דעם דורכגאַנג איז אַפֿילע גרינגער גיין איידער מיט אונדזערן. ס'אַרא נאַראָנים זײַנען מיר געווען, וואָס מיר האָבן מורא געהאַט.

זיי זײַנען אַזוי געוווינט געווען קלעטערן אויף געפֿערלעכע ערטער, אַז ווען די סטעזשקע האָט זיי אין אַ מינוט אַרום אַרויסגעפֿירט צו אַן אָפּגעריסענעם פֿעלז, וואָס איז געהאַנגען איבער אַ באַרג־שטראָם, האָבן זיי זיך ניט דערשראָקן. נאָר צוביסלעכווײַז זײַנען זיי געוואָרן מיד און דער וועג האָט זיי געבראַכט אין אַ פֿינצטערן וואַלד, וווּ די זון האָט זיך קאָם־קאָם דורכגעשלאָגן דורך די ברייטע צווײַגן, און נאָר העלע פֿלעקן שײַן זײַנען געפֿאַלן אויף די ביימער.

— איך האָב ניט ליב קײַן וואַלד,—האָט לענעלי געזאָגט. זי האָט אַביסעלע געציטערט, און זיך אומגעקוקט אָף צוריק.—ס'דאַכט זיך אויס אַלע מאָל, אַז ס'קאָן זיך דאָ מיט דיר עפּעס טרעפן.

— וואָס קען זיך טרעפן?—האָט סעפּי געפרעגט, און ער איז אויך געוואָרן אַביסעלע אומרויִק.

— דו ווייסט ניט,—האָט לענעלי געענטפערט,—אַלערליי ריזן, דראַקאָנעס און קאַרליקעס.

— פע,—האָט סעפּי געענטפערט מיט ביטל,—מיידלשע פּלוידערײַען. פאַרשטייט זיך, אַז איך גלויב ניט אין אַזעלכע זאַכן.

— אָט האָסטו דיר,—האָט לענעלי א געשריי געטון,—פאַראַן אַפילו דערוואַקסענע מענטשן, וואָס גלויבן אין דעם.

— פע,—האָט סעפּי נאָכאַמאָל געזאָגט, און קעדיי באַווײַזן, אַז אָט די אַלע רייד הייבן אים ניט אָן צו אַרן, האָט ער אָנגעהויבן פײַפן. נאָר לענעלי האָט באַמערקט, אַז שטילערהייט קוקט ער זיך אויך אום אַלע ווײַלע אָף צוריק.

דערווײַל איז דער וועג געוואָרן שווערער. די סטעזשקע האָט זיך געדרייט אין אַלע זײַטן, און ברוינע סאָסנענאָדלען האָבן זי ערטערווײַז אינגאַנצן פאַרשאָטן, און ס'איז שווער געווען זי צו געפינען.

די קינדער האָבן זיך אָפּטער אָנגעהויבן אַרומקוקן. זיי האָבן געזוכט קאַרליקעס און ריזן אונטער די סאָסנעס און דערווײַל האָבן זיי אַלעמאָל פאַרלוירן די סטעזשקע.

איינמאָל האָבן זיי דערהערט איבער זיך א שטאַרקן שאָרך, און עפּעס א פויגל איז דורכגעפלויגן לעבן זייערע קעפּ. זיי האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיי האָבן גענומען לויפן און האָבן שוין גאָרניט געקוקט אָפן וועג.

בעלאָ האָט זיך אויך דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן בילן, און די ציגן האָבן זיך אויך איבערגעשראָקן און זײַנען זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן.

אַז די קינדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז זיי שווער געווען צונויפקלײַבן די ציגן. זיי זײַנען פאַרלאָפן אַלץ ווײַטער און ווײַטער. בעלאָ איז געפלויגן נאָך זיי, און די קינדער האָבן שוין אויך געמוזט נאָכלויפן. זיי זײַנען געשפּרונגען איבער פעלזן און שטיינער, זיך געשטרויכלט אין וואָרצלען און זײַנען געלאָפן אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן פאַר זיך דערזען אַ דורכלויכט אין וואַלד. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי דערזען, אַז זיי שטייען אויף אַ ראַנד פון אַן אָפּגרונט. ס'האָט זיך פאַר זיי געעפנט אַן אויסזען אויפן טאָל, וואָס איז געלעגן ווײַט אין דער נידעריק אונטער זיי. די ציגן האָבן טרויעריק געמעקעט און האָבן זיך צונויפגעקופּעט אויפן ראַנד פונעם פעלז. בעלאָ איז געזעסן מיט אַן אַרויסגעשטעקטן צונג און האָט געקוקט, וואָס קומט דאָ פאָר.

סעפּי און לענעלי זײַנען געשטאַנען פאַרלאָרענע און האָבן ניט געוווּסט וואָס טון.

— דאָס איז דײַן אַרבעט,—האָט סעפּי געזאָגט.—מיר האָבן פאַרלאָרן דעם וועג, און דו ביסט אין דעם שולדיק. ווען מיר זאָלן געווען טראַכטן וועגן פיערן און ניט וועגן דײַנע אַלטע נאַרישע ריזן און קאַרליקעס, וואָלט דאָס זיך ניט געטראָפן.

— דו האָסט זיך דאָך אויך דערשראָקן אַזוי ווי איך,— האָט לענעלי געענטפערט,—און דו דאַרפסט ניט אַרויפוואַלגערן די גאַנצע שולד אויף מיר אַליין. אַז דער פויגל

איז דורכגעפלויגן איבער אונדזערע קעפּ, האָסטו אָנגע־הויבן שפּרינגען פּונקט אַזוי גיך ווי איך.

סעפּי האָט געפילט, אַז ס׳איז אַן עמעס, האָט ער גוט־מוטיק געענטפערט:

— גוט, ס׳איז ניט קעדײַ זיך קריגן, מ׳דאַרף בעסער באַטראַכטן, ווי אַזוי פאַרטרײַבן די ציגן צוריק אַף דער סטעזשקע.

ער האָט אַרויסגענומען זאַלץ פון קעשענע, אַזוי ווי פריץ האָט אים געלערנט, אויסגעצויגן די האַנט און אָנגע־הויבן פאַוואָלי צוצוגיין צו די ציגן. נעני האָט אויסגעצויגן צו אים דעם האַלדז, נאָר איידער זי האָט נאָך דערזעען, וואָס ער האַלט אין האַנט, איז ווידער געוואָרן עפּעס א גערו־דער, דערנאָך האָט זיך דערהערט א שרעקלעכער געשריי פונקט איבער זייערע קעפּ. פון דעם פעלז, וואָס איז אי־בער זיי געהאַנגען, האָט א ריזיקער גאָלדענער אָדלער זיך א וואָרף געטון גלײַך אַף די דערשראָקענע קינדער און אַף די ציגן, און מיט זײַנע שרעקלעכע נעגל האָט ער אָנגע־כאַפּט נעני פאַר דער פלייצע און האָט זיך געמאַטערט זי אופהייבן אין דער לופטן. עטלעכע מינוט האָט די ציג זיך געהוידעט איבערן ברעג פעלז, ווײַל דער אָדלער האָט אומזיסט געשלאָגן מיט זײַנע ריזיקע פליגל און האָט ניט געקאָנט אופהייבן די שווערע ציג.

סעפּי האָט זיך א וואָרף געטון פאָרויס, האָט זי אָנגע־כאַפּט פאַרן וויידל און האָט זי גענומען שלעפּן צו זיך. לענעלי האָט זיך א וואָרף געטון העלפן סעפּין. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר זײַן העמדל און, קוויטשענדיק ווי א ווילדע קאַץ, האָט זי מיט אַלע קויכעס געהאַלטן דעם ברו־

דער בעלאַ האָט מעשוגענערווייז געבילט, און די איבעריקע ציגן האָבן זיך מיט א מעקעריי צעשאָטן איבערן וואַלד.

די פאַרוווּנדעטע און צעבלוטיקטע נעני האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אַף דער ערד.

דער ריזיקער פויגל איז אַוועקגעפלויגן אַף זיין פעלזן־שפּיץ, און די קינדער זיינען געלאָפן זיך באַהאַלטן אונטער די ביימער, שלעפנדיק נענין מיט זיך.

זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט זיך אַפילע צוזעצן אביסל און קומען צו זיך פונעם דערשרעק, ווייל די ציגן זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן, און ס'איז געווען שווער זיי צונויפקלייבן. בעלאַ־האָט אַליין ניט געוווּסט; ווּהין דאַרף ער זיי טרייבן, און די ציגן האָבן זיך געוואָרפן פון איין אָרט אַפן אַנדערן.

ס'האָט געדויערט זייער לאַנג, ביז די קינדער האָבן צונויפגעקליבן די טשערעדע און האָבן זי אַוועקגעטריבן טיף אין וואַלד, זיי זאָלן זיין וואָס ווייטער פון דעם געפער־לעכן פעלז.

זיי זיינען אָנגעקומען צום קליינעם באַרג־טייכל, וואָס איז געלאָפן אין וואַלד.

די ציגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט טרינקען, און די קינדער האָבן גענומען באַטראַכטן נענין. איר פּלייצע איז געווען צעריסן און פאַרבלוטיקט. נאָר די ווּנדן זיינען געווען ניט קיין ערנסטע.

— מ'דאַרף לאָזן די ציגן זיך אָפּרוען אביסל,—האָט סעפּי געזאָגט.— קיין גוטע פּאַשע האָבן זיי דאָ ניט, אָבער זיי קאָ־נען זיך דאָ גוט אָנטרינקען, און מיר וועלן דערווייל אופּ־

עסן אונדזער אָנבײַסן. דערנאָך דאַרף מען גײן זוכן די װיסטע סטעזשקע.

זי האָבן זיך צוגעזעצט אױף א שטײן, און לענעלי האָט צעבונדן דאָס פעקעלע מיט אָנבײַסן, װאָס דער פאָסטעך האָט זײ מיטגעגעבן.

— ס'איז מאָדנע, איאָ?—האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק סעפין א שטיקל קעז.—איצט האָב איך שױן ניט אַזױ מוירע אַזױ װי פריִער פאַרן אָדלער, און דו?

— איצט האָב איך שױן אױך קײן מוירע ניט,—האָט סעפי א פאַרכידעשטער א געשרײ געטון.

— סעפי,—האָט לענעלי ערנסט געזאָגט,—עפשער זײַבען מיר שױן איצטער אױך אַזױנע העלדן, אַזױ װי פיער פון ליוצערן, און קײנער װײסט אפילע ניט?

סעפי האָט זיך אביסל פאַרטראַכט און האָט געענטפערט:

— װאָדען? פאַרשטײט זיך, אַז מיר זײַנען העלדן. מיר האָבן זיך דאַפקע דערשראָקן, אָבער מיר האָבן דאָך געטון אַלץ װאָס מ'דאַרף. סײַ־װי, איך בין צופרידן.—ער האָט אָפּגעזיפצט און גענומען קײַען דעם ברױט. דערנאָך האָט ער געמאָלדן מיט גרױסקײַט:

— פאַרשטײט זיך, איצט אַז מיר װײסן, אַז מיר זײַנען עמעסע העלדן, דאַרפן מיר שױן פאַר גאָרנישט ניט מוירע האָבן. אַזױ דאַרף זײַן.

לענעלי האָט ניט זיכער אױף אים א קוק געטון.

— איך האָב מוירע,—איך װעל זיך נאָכאַמאָל דערשרעקן, אױב מיר װעלן ניט געפינען דעם װעג,—האָט זי געזאָגט.—מיר קענען נאָך דאָ שטאַרבן, און דערנאָך װעט

עפּעס א יעגער געפינען אונדזערע צעשאָטענע ביי־נער.

די אויגן האָבן זיך איר אָנגעגאָסן מיט טרערן, און זי האָט אָנגעהויבן כליפּען.

— זע נאָר,—האָט סעפּי א געשריי געטון, און האָט א קוק געטון אָף איר מיט א בייזער,—העלדן טוען דען אַזוי? איך זאָג דיר, אַז מײַנע ביינער וועט מען דאָ ניט געפינען. איך וועל זיך אַראָפּלאָזן מיט די ציגן פון דעם באַרג און דו אויך. אָט וועסטו זען!

— גוט,—האָט די העלדן געענטפערט.—כ'האָב זיך דאָך נאָר פאָרגעשטעלט.

— גוט, גוט,—האָט סעפּי אַ בורקע געטון.—כ'בעט דיך זאָלסט שוין מער זיך ניט פאָרשטעלן אַזויגע זאַכן. בעסער טראַכט עפּעס צו, ווי אַזוי געפינען דעם וועג און אָנקו־מען ערגעץ אָף וועטשערע, קעדיי מאָרגן זײַן אינדערהיים.

אין דער מינוט איז אים אײַנגעפאַלן א נײַער גליקלע־כער געדאַנק.

— ס'איז נאָר איך בין,—האָט ער א געשריי געטון,— פאַרוואָס איז מיר דאָס פריִער ניט אײַנגעפאַלן? אָט דאָס טײַכל לויפט דאָך אַראָפּ־אַ־באַרג, קענען מיר דאָך גיין גלײַך מיטן טײַכל און אָנקומען אין טאָל אַרײַן.

— טאָמער וועלן מיר אָבער אַרויס ווײַט פונעם דאָרף, ווו דער פאַסטעך וווינט. מיר דאַכט, אַז בעסער איז גע־פינען די סטעזשקע.

— גיכער קען מען זי געפינען, אויב מיר וועלן גיין מיטן טײַכל,—האָט סעפּי געענטפערט און האָט אָנגעהויבן פּײַפן אָף זײַן האָרן.—אויב מיר וועלן ניט געפינען דעם

דאָרף, וועלן מיר געפינען אַן אַנדערן. איך וועט זיך מיט דיר, אַז אומעטום זײַנען דאָ גוטע מענטשן.

די טשערעדע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. דאָס טײַכל איז געלאָפן אין א טיפן שפּאַלט צווישן די פעלזן, ארום טײַכל האָבן זיך געוואַלגערט בײמער, וואָס דער שטראָם האָט אַרויסגעריסן. אין אַנדערע ערטער איז דאָס טײַכל געווען פאַרקלעמט צווישן פעלזן און האָט געקאָכט. און ערטערווײַז האָט זיך דאָס צעגאָסן ווי אַן אָזערע. און ווידער שטאַרק געלאָפן צווישן קושטשעס און פעלזן, ווי, סיוואָלט זיך געיאָגט גיכער אָנקומען צו דער אָזערע אין טאָלן

די טשערעדע האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט פאָרויס, און אַלע רעגע זײַנען זיך די ציגן צעלאָפן זוכן גראָז און מיהאָט זיי באַדאַרפט צונויפקלײַבן.

מיטאָמאָל איז די קינדער ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. זיי האָבן דערזעען א דורכלויכט צווישן בײמער. זיי האָבן פריילעך זיך א וואָרף געטון פאָרויס, און צו זייער גרויס שרעק. האָבן זיי דערזעען, אַז דאָס טײַכל פאַלט דאָ אַראָפּ, ווי א וואַסערפאַל, פון א צוואַנציק מעטער די הייך.

סעפּי און לענעלי האָבן שווײַגנדיק געקוקט אַף דער נײַער שוועריקײַט.

ווײַט אונטן, אינעם גרינעם טאָל האָבן זיי געזעען קליינע ווײַסע פלעקן. דאָס זײַנען געווען באַזונדערע פערמעס און א פּיצל דערפעלע, אײַנגאַנצן אין גרינס, לעבן ברעג פון א ברייטן באַרג־שטראָם. פונווײַטן האָבן זיי געזעען דעם גלעטשער, וואָס דער באַרג־שטראָם איז פון אים געלאָפן. דער גלעטשער האָט זיך אויסגעצויגן צום טאָל און איז געווען פאַרקלעמט צווישן פעלזן.

— אלעמאָל ווען מיר מײנען שוין, אַז מיר האָבן געפונען דעם וועג, פאַלן מיר אַרײַן אין אַן ערגערער צאָרע, — האָט זיך געקלאָגט לענעלי. — דאָ קענען מיר זיך ניט אַראָפּלאָזן, און אַפילו ווען מיר וואָלטן געקאָנט, וואָלטן מיר געמוזט איבערגײן איבערן גלעטשער.

— ער איז גאָרניט אַזאַ ברײטער, — האָט סעפּי געזאָגט.

— דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי פונדערווײַטן, — האָט לענעלי דערווידערט.

סעפּי האָט זיך אַרומגעקוקט. רעכטס ביזן סאַמע שפּיץ וואַלד האָט זיך געצויגן דער וואַלד. גלײַך פאַר זײ איז געווען אַן אָפּגרונט, און לינקס האָט געקרישט דאָס טײַכל און זיך געטראָגן איבער שטײנער און פעלזן.

— מיר וועלן איבערגײן, — האָט סעפּי געזאָגט פעסט.

ער האָט אָוועקגעטריבן די ציגן צו דעם אָרט, וווּ מ'האָט געקאָנט אַריבערגײן דאָס טײַכל. אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען שוין אַלע געווען אויף יענער זײַט טײַכל און האָבן אָפּגעטרײסלט פון זיך די וואַסער.

— איך וועל צוגײן צום ברעג פון יענעם פעלז, — האָט סעפּי געזאָגט, — און דו וועסט מיר נאָכגײן מיט די ציגן. איך בין זיכער, אַז דאָ וועלן מיר געפינען אַן אָרט, וווּ מ'קען זיך אַראָפּלאָזן. איך וועל טרובען, זאָלסט וויסן וווּהין גײן.

מיט די ווערטער איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן אין וואַלד, און לענעלי האָט געטריבן פאַר זיך די ציגן און איז אים נאָכגעגאַנגען. זײ האָבן זיך צוגעהערט צום רויש פונעם וואַסערפאַל און האָבן זיך געמאַכט אַ וועג אין די קושטשעס, איבער פעלזן און בײַ אָפּריסן, געזוכט די גאַנ־

צו צײַט א מעשופּעדיקן באַרג־אַראָפּ און ניט געקענט געפינען.

פלוצלינג האָט לענעלי דערהערט סעפּיס א פרײלעכן סיגנאַל. זי האָט גיך גענומען טרײַבן די ציגן און האָט דערזעען, ווי סעפּי שטײט אויפן ברעג וואַלד און קוקט אויף א ברײטן מעשופּעדיקן באַרג־אַראָפּ. דער וואַלד איז געווען הינטער זײ, און פאַר זײ זײַנען געלעגן גרינע מעשופּע־דיקע לאַנקעס, באַוואַקסענע מיט בלויע היאַצינטן און מיט גאָלד־קווײטן.

די ציגן זײַנען שיִר ניט מעשוגע געוואָרן, אַז זײ האָבן דערזעען די זאַפטיקע פּאַשע, און דער אַלטער בעלאָ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און האָט גוט־מוטיק אַלעמען באַטראַכט, כאָטש ער איז אַלײן אויך גע־ווען גוט הונגעריק. די קינדער זײַנען געווען אַזוי אײַנגעמידט אַז זײ האָבן זיך א וואָרף געטון אויף דער ערד לעבן בעלאָן.

איצט, אַז זײ זײַנען שוין אַרויס פון אַלע סאַקאָנעס, האָט זיך זײ אויסגעוויזן, אַז דער וואַלד איז גאָרניט אַזאַ געדיכטער און אַזאַ שרעקלעכער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז סעפּי אופגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן די גאַנצע געגנט, וואָס איז געלעגן פאַר אים. ער האָט א קוק געטון אויף די מעשופּעדיקע זײַטן באַרג, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צום גלעטשער און צום טײַך.

— מיר מוזן די מעניִע בײַקומען,—האָט ער געזאָגט צו לע־נעלין, און האָט איר געוויזן אויפן גלעטשער און אויפן טײַך. — קײַן אַנדער אויסגאַנג איז ניטאָ. אַז מיר וועלן זיך אַראָפּ־לאָזן, וועלן מיר מוזן אַריבערגײן אָדער איבערן שטראָם, אָדער איבערן גלעטשער.

— איבערן שטראָם קאָנען מיר ניט אַריבערגיין,—האָט לענעלי געענטפערט. — מיר ווייסן ניט, ווי טיף ער איז.

— אויב אַזוי, וועלן מיר מוזן אַריבערגיין איבערן גלעטשער,—האָט סעפּי געזאָגט.—איך בין צופרידן, וואָס די ציגן האָבן דאָ אָביסל איבערגעכאַפּט. נאָר ס'איז בעסער, אַז מיר זאָלן גיין באַלד, וואָרעם ס'ווערט שפּעט, און אויב ס'וועט זיך אונדז אײַנגעבן אַריבערגיין, וועלן מיר געוויס אָנקומען צו יענעם שטיבעלע נאָך איידער ס'וועט פינצטער ווערן.—ער האָט באַוויזן מיט דער האַנט אַף א קליינינקן פלעק פונדערווײַטן.

— אוי, ליבינקער,—האָט לענעלי א געשריי געטון און האָט אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן.—דאָס הייסט דאָך גיין אַף א זיכערן טויט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן אײַנגעזונקען ווערן אין א שפּאַלט אַפן גלעטשער.

— כ'האָב נאָך אין לעבן ניט געזען אַזאַ מענטש, וואָס זאָל זיך פאָרשטעלן אַלערליי צאָרעס אַזוי ווי דו. „לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן אײַנגעזונקען ווערן"... לאָמיר זיך בעסער פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן גליקלעך איבערקומען מיט אונדזערע ציגן אַלע מעניעס, און לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אין יענעם פערמעריש שטיבל איז דאָ א גוטע פרוי, וואָס וועט אונדז אָנהאָדעווען און באַלאָנען אויך. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז זי וועט אונדז געבן... וואָס וואָלסטו בעסער פון אַלץ געוואָלט אַף וועטשערע, לענעלי?

— אָ,—האָט לענעלי א געשריי געגעבן,—זופּ מיט לאָטקעס.

— נו, אויב אַזוי, ריר זיך, — האָט ספּפי געזאָגט. — אַז מיר וועלן בלײַבן דאָ, וועלן מיר גאָר גאָרנישט ניט באַקומען. גאָרנישט מיט נישט!

לענעלי האָט זיך אופגעבאַפּט פון דער ערד, און זיי האָבן זיך געלאָזן גײן.

אי א האַלבער שאָ אַרום זײַנען זיי אָנגעקומען צום ברעג פונעם גלעטשער. דאָ האָט ספּפי אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען.

— איך וועל גײן אַף צופריער, — האָט ער געזאָגט, — א פירער. נאָך מיר וועלן גײן די ציגן און דערנאָך — דו מיט בעלאָן. דו דאַרפסט אויסרעכענען יעדן טראָט און טאַפּן מיטן שטעקן דעם אײַז, זאָלסט זיכער זײַן, אַז ער האַלט זיך שטאַרק. אויב ניט, קענסטו נאָך אַרופגײן אַף א שפּאַלט. וואָס איז פאַרצויגן מיט אײַז, און אַרײַנפאַלן אונטערן אײַז.

— כ׳וועל זיך היטן, — האָט לענעלי געזאָגט.

— נו גוט, קום, — האָט ספּפי א געשריי געטון. — מיר דאַכט זיך, אַז איך הער שוין דעם רייעך פון לאַטקעס.

די קינדער האָבן גוט געוווּסט די סאַקאָנעס פון א גלעטשער. דאָס איז געווען ניט פּאָשעט א פאַרפרוירענער טײַך, אַף וועלכן מ׳קאָן זיך גליטשן אַף גליטשערס. דאָס איז געווען א גרויסע מאַסע אײַז און פעלזן, פאַרקלעמט פון אַלע זײַטן, פול מיט שפּאַלטן, לעכער און גריבער, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם, ניט צו באַמערקן, גערוקט אַראָפּ אין טאָל אַרײַן. אונטערן גלעטשער איז פון צעגאַנגענעם אײַז און שניי געוואָרן א טײַך. ער האָט זיך סטרימקע געטראָגן אונטערן אײַז, און דאָרט ווו דער גלעטשער האָט זיך געענדיקט, איז ער געלאָפן באַרג־אַראָפּ צו דער אָזערע, וואָס איז געלעגן ערגעץ ווײַט אין דער נידעריק.

אַפּילע די ציגן האָבן געפּילט די געפאַר פון אַזאַ ריזיקע איבערן גלעטשער, צו דעם האָט זיך זיי נאָך ניט געגלוסט אַוועקגיין פון דער זאַפטיקער גראָז אַף דער לאָנקע, און די קינדער איז ניט גרינג אָנגעקומען זיי אַראָפּטרייבן אַפן גלעטשער.

סעפּי איז געגאַן און האָט געטרובעט אין האָרן, קעדיי שטאַרקן דעם אורילעם. ער האָט געטאַפּט מיטן שטעקן אַף יעדער טראָט און האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט וואַרטן אַף די איבעריקע. זיי זײַנען שוין דורכגעגאַן קימאַט אַ האַלבן גלעטשער. פּלוצלינג האָט זיך סעפּי אָפּגעשטעלט און האָט אַ געשריי געטון צו לענעלין, אַז זי זאָל זיך אויך אָפּשטעלן און פאַרהאַלטן די ציגן.

גלײַך פאַר זיי האָט זיך געצויגן אַ גרויסער אָפענער שפּאַלט. דער טײַך פון אײַז האָט דאָ געפּלאַצט, און אַז עמעצער וואָלט אַהער אַרײַנגעפאַלן, וואָלט ער שוין פון-דאַנען קיינמאָל קיין לעבעדיקער ניט אַרויס.

דאָ איז געווען די גרעסטע געפאַר און די שווערסטע מעניע, וואָס זיי האָבן ביז אַהער באַגעגנט אַף זייער וועג. איין מינוט איז אַפּילע סעפּי געבליבן אָפּהענטיק און האָט געמיינט, אַז זיי וועלן זיך מוזן אומקערן צוריק און ערגעץ אַנדערש איבערגיין איבער דעם טײַך פון אײַז אָדער איבער דעם שטראָם. ער האָט אַ געשריי געטון צו לענעלין, זי זאָל זען אײַנהאַלטן די ציגן, און אַליין האָט ער פאַרקערעוועט לינקס און איז אַוועק אַרויף מיטן גלעטשער בײַ דעם ברעג פונעם שפּאַלט.

וואָס ווײַטער ער איז געגאַן, אַלץ שמעלער איז געוואָרן דער שפּאַלט, נאָר ער האָט זיך צעצווײַגט אַף עטלעכע

קלענערע שפּאַלטן. דער איינציקער אָרט, ווו זיי האָבן גע־קאָנט אַריבערגיין, איז געווען א שמאָל, ניט זיכער בריקל פון אײַז, וואָס האָט זיך געדרייט איבער די אַלע שפּאַלטן. אַפילו בײַ סעפּין איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן, אַז ער האָט אַראָפּגעקוקט אין דער טיפעניש פון שפּאַלט. די ווענט פון אײַז האָבן געגלאַנצט מיט בלויע און גרינע קאָלירן און ס'האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, קוקנדיק אַף זיי.

— האָב איבזיגנען פירן און גיי און שטאַרק זיך! — האָט ער א געשריי געטון צו לענעלין און מער האָט ער ניט גערעדט. ער האָט זיך געלאָזט גיין איבערן בריקל פון אײַז.

לענעלי האָט שוין קײַן אַנדער ברירע ניט געהאַט און האָט געמוזט נאָכגיין. אַפילו די ציגן, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע פלינקע פיס, האָבן געוואָלט אויסמײַדן אָט דעם־דאָזיקן געפערלעכן איבערגאַנג, און בעלאַ האָט זיך גע־קווענקלט, צי ער זאָל אַרופגיין אַף אָט דעם בריקעלע פון אײַז, און האָט אָנגעהויבן הוילן.

— זאָלסט גיין פונקט אַף מײַנע טריט, — האָט סעפּי א געשריי געטון צו לענעלין.

זי האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, האָט פעסטער צוגע־האַלטן איר אַלפּינישן שטעקן און איז אַוועק פאָרויס.

— קוק ניט אין שפּאַלט אַרײַן! קוק נאָר אַפן בריקל, בעת דו וועסט גיין, — האָט איר סעפּי געוואָרנט.

ער איז פאָרזיכטיק געגאַן און געטאַפּט דעם אײַז בײַ יעדער טריט. אינגיכן איז ער שוין געשטאַנען אַף יענער זײַט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם האָט ער געקוקט, ווי די ציגן רוי. זיך פאַוואָלי און פאָרזיכטיק

איבערן בריקל. און אז לענעלי און בעלאַ האָבן דערגרייכט די צווייטע זײַט, האָט ער זיי פּריילעך אַרומגענומען.

— איצט,—האָט סעפּי א געשריי געטון,—וועט זיך שוין מיט אונדז גאָרנישט ניט טרעפן, און באַלד וועלן מיר ווי־דער זײַן אויפן גרינעם גראָז.

זיי האָבן גרינג אויסגעמיטן די קלענערע שפּאַלטן, און אינגיכן זײַנען זיי ווידער געווען אויף פעסטער ערד און האָבן אַרופגעקלעטערט אויף די פעלזן, וואָס בײַ דעם גלעטשער.

אַפילע בעלאַ האָט, אַפּאָנים, פאַרשטאַנען, אז ס'איז שוין א סאָף צו זייערע מאַטערנישן. ער האָט געבילט, געמאַכט קרײַזן אַרום דער טשערעדע און זיך געוואָרפן אויף די קינדער. און האָט זיי נאָר געוואָלט עמעצן א לעק טון אין פּאָנים אַרײַן. זײַן ווײדל האָט זיך פון סימכע געדרייט אין אַלע זײַטן. די ציגן האָבן זיך געריסן פאָרויס צום זאַפטיקן גראָז.

אינגיכן האָבן די קינדער דערזען דאָס פערמעריש הײַזל, וואָס איז פון א קלייניקן ווײַסן פלעק אויסגע־וואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער, וואָס ווײַטער זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל. און אָט האָבן שוין אונדזערע פאַרבלאָנדזעטע געקלאַפּט אין טויער פונעם הײַזל. דער טומל, וואָס די ציגן האָבן אויפגעהויבן מיט זייער מעקען, און דאָס הינטישע בילן האָבן אַרויסגערופן דעם פּער־מערס ווײַב צו דער טיר. א מינוט איז זי געשטאַנען מיט א קינד אויף דער האַנט און האָט געקוקט אויף די קינדער, אַזוי ווי נעכטן דער אַלטער פּאַסטעך אויפן באַרג.

— פונוואַנען האָט איר זיך גענומען אַהערצו?—האָט זי א געשריי געטון.—ווער זײַנט איר? וואָס דאַרפט איר דאָ?

לענעלי האָט שוין געעפנט דאָס מויל אַף עבטפערן, נאָר אַז זי האָט דערזעען דאָס ליבע פּאָנים פון דער פרוי און דאָס פּיצל, וואָס האָט געזויגן דער מאַמעס גראָבן פינגער, האָט זי זיך דערמאָנט אין איר מאַמע און אין דעם פּיצעלע ראָזעלי און אָנשטאָט זי זאָל ענטפערן, האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן.

די פרוי איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, האָט אַרומגע-כאַפּט לענעלין מיט דער האַנט, זי געגלעט איבער דער באַק, און סעפּי האָט איר דערווײַל דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

אַז ער איז געקומען צו דעם אָרט, ווי דער שניי-אײַנפאַל האָט זיי אָפּגעשניטן פון דער היים, האָט שוין די פרוי אַליין פאַרשטאַנען דאָס איבעריקע. ניט איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז מענטשן פלעגן אַזוי אומקומען אין די בערג.

— טאָ גייט גיכער אין שטוב אַרײַן, — האָט זי אַ געשריי געטון, — און מער זאָלט איר ניט רעדן. איר זײַט מינעסטאָם הונגעריק, ווי די וועלף. כ׳וועל אײַך געבן עפּעס אָפּעסן, און דערנאָך וועט איר מיר קאָנען דערציילן וויפל אירווילט.

— זײַט אַזוי גוט, — האָט לענעלי פאַרשעמט אַרויסגע-רעדט, און האָט געווישט די טרערן, — עפּשער קאָנט איר באַלד עפּעס געבן בעלאָן, די ציגן האָבן געגעסן אַביסל גראָז, און מיר האָבן געגעסן אַ שטיקל ברויט מיט קעז, און בעלאָ האָט קיין איין שטיקעלע ניט פאַרזוכט אַ גאַנצן טאָג.

— וואָס פאַר אַ ליב קינד דאָס איז, — האָט דעם פערמערס פרוי אַ טראַכט געטון. — פריִער פאַר אַלעמען זאָרגט זי זיך פאַרן הונט.

— נעם, אָט האָסטו א ביין, — האָט זי געזאָגט, — גיב בעלאָן, און דו גיי פאַרטרײַבן די ציגן אין שטאַל, — האָט זי געזאָגט צו סעפּין. — אַז דו וועסט זיך אומקערן, וועל איך אײַך געבן אַלץ וואָס איר האָט ליב, אַבי כ׳וועל נאָר האָבן.

— זײַט אַזוי גוט, — האָט סעפּי געזאָגט, און די אויגן האָבן בײַ אים אָנגעהויבן גלאַנצן. — אויבן אָפן באַרג, אַז מיר האָבן געבלאָנדזשעט, האָבן מיר דערזעען אײַער שטוב און מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז ס׳קען זײַן, מיר זאָלן האָבן א וועטשערע זופּ מיט לאַטקעס.

— אַך, — האָט א געשריי געטון די פרוי, — זופּ מיט לאַטקעס! באַלד וועט ווערן פאַרטיק!

זי האָט אָפּגעגעבן דאָס קינד לענעלין און האָט זיך גענומען אַרומדרייען אַרום קיך. זי האָט געקלאַפּט מיט די טעפּ און מיט די קעסעלעך, צעלייגט פײַער און געקנאָטן טייג.

אַז סעפּי איז געקומען צוריק, האָט אים שוין פאַרשלאָגן דער רייעך פון לאַטקעס, און דער זופּ האָט געבולבעט אין טאָפּ.

אין פינף מינוט אַרום זײַנען די קינדער שוין געזעסן אין קיך בײַם טיש. פון דער שיסל, וואָס איז געשטאַנען לעבן זיי, האָט געשלאָגן א פּאַרע, און זייער נײַער פרײַנט האָט דערווײַל געבאַקט גאַנצע בערג לאַטקעס.

דער פּערמער אַליין איז געווען אין די הויכע אַלפּן מיט זײַן טשערעדע. ער פלעג זיך אומקערן אַהיים נאָר אויף א קורצער צײַט, ווען ער פלעג אַראָפּטראָגן די קעז, וואָס ער האָט אָנגעקאָכט אין די בערג. דער פרוי איז דאָ געווען אומעטיק אײנער אַליין, און זי איז זייער געווען צופרידן

מיט אירע געסט, וואָס זײַנען געקומען צו איר אַף נאַכט.
זי האָט געפּלוידערט מיט די קינדער פון זייער מאַמען,
האָט זיי דערלאַנגט לאַטקעס אַפן טעלער אַזויפיל, אַז זיי
האָבן שוין מער ניט געקאָנט אופּעסן קיין איין שטיקעלע
ניט. דערנאָך האָט זי זיי געהאָלפן אויסמעלקן די ציגן, און
אַז די זון איז פאַרגאַן, האָט זי זיי געשיקט שלאָפן, זיי
זאָלן זיך גוט אויסרוען, ווײַל ס׳שטייט זיי דאָך פאָר אַף
מאָרגן זייער א לאַנגער וועג.

VI. נײַע און אַלטע פרײַנט.

מאָרגן אינדערפרי, אַז די קינדער זײַנען אַרײַן אין קיך, האָבן זײ דערזעען,—װי די פערמערשע גיסט אָן מילך אין דער פּאַלענטע *), װאָס זי האָט צוגעגרײט אױף אָנבײַסן, און ס'האָט געשמעקט מיט ערשט אָפּגעקאָכטער קאַװע.

— זעצט זיך גיכער און עסט,—האָט זי געזאָגט און האָט זײ דערלאַנגט אַ באַנק צום טיש.—כ'האָב אױסגעמאָלקן אײַערע ציגן, זײ האָבן געגעבן זײער װײניק מילך, נאָר ס'איז קײַן כידעש ניט נאָך אַזאַ שװערן טאָג, װי זײ האָבן נעכטן געהאַט. אַ כידעש איז, װאָס זײ האָבן דאָס ביסעלע געגעבן. כ'האָב אײַך צוגעגרײט קאַװע. איר זאָלט זיך פילן קרעפטיקער אין װעג. ס'אַ גליק, װאָס מיר האָבן הײַנט אַזאַ שײנעם טאָג. מיר האָט זיך אױסגעװיזן, אַז בײַנאַכט איז געגאַן אַ רעגן. נאָר איצט איז אױפן שפּיץ פונעם אַלטן פּילאַטוס ניטאָ קײַן אײן װאָלקנדל, און דאָס איז דער בעסטער סימען, אַז ס'װעט זײַן אַ גוטער װעטער.

דאָס פּיצל איז שױן געזעסן אױף אַ הױכן שטול לעבן טיש און האָט געקלאַפּט מיט אַ לעפל אין טיש. די קינדער האָבן זיך צוגעזעצט לעבן איר און האָבן זיך גיך אײַנגעפּאָרעט מיט זײערע גרױסע שטיקער פּאַלענטע.

*) פּאַלענטע—קאַשע פון קוקורוזע־גרױפּן.

דעם פערמערס ווײַב האָט טעגווײַז ניט געהאַט מיט וועמען אויסרעדן אַ וואָרט, און זי איז שטאַרק צופרידן געווען, וואָס זי האָט איצט מיט וועמען אַביסל צו פאַרברענגען. זי האָט דערציילט די קינדער פון אירע נכאַזייִרים, בעהיימעס און הינער, און ס'אַראַ סאַך היי האָט איר מאַן פאַראיאָרן אַראָפּגעטראָגן אַף די פּלייצעס פון די הויכע בערג-לאַנקעס, און וויפל קעזן ער האָט ברענגען אַהיים צום סאָף זומער. און אַז די קינדער האָבן שוין אויפגעגעסן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, האָט זי זיי אײַנגעוויקלט עסן אַפן וועג און האָט זיי אויסגעמאָלט יעדער קלייניקײַט, ווי אַזוי זיי דאַרפן גיין, זיי זאָלן קומען אין זייער דאָרף.

— ס'איז גאָרניט אַזוי שווער, — האָט זי געזאָגט. — עמעס, ס'איז זייער ווײַט, נאָר די גאַנצע צײַט וועט איר גיין מיט אַ גלײַכן וועג, און דאָרט ווו די וועגן צעשיידן זיך, און איר וועט ניט וויסן, וווהין פאַרקערעווען, וועט איר אַלע מאָל טרעפן באַ וועמען צו פרעגן. איבו איר האָט זיך געאיבערגיין איבערן גלעטשער, האָט איר שוין ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. נאָר גייט וואָס גיכער, מאַמעש דאָס האַרץ צעגייט, אַז מ'דערמאָנט זיך, ווי אײַער מוטער מאַטערט זיך דאָרט ניט וויסנדיק, וואָס ס'טוט זיך מיט אײַך. זי האָט זיך צעקושט מיט די קינדער, און מיטן פּיצלס אַפן האַנט האָט זי נאָכגעקוקט, ווי דאָס פּאָרל טרײַבט אַרויס די ציגן פון הויף און לאָזט זיך אַראָפּ אין ווײַטן וועג אַהיים.

זיי האָבן געדאַנקט די באַלעבאָסטע און האָבן די גאַנצע צײַט זיך אויסגעקערעוועט און איר געמאַכט מיט די הענט.

זי האָט זיי אָפּגעענטפערט, און דאָס פּיצעלע האָט אויך געמאַכט מיט די קליינע דאַזע הענטעלעך, ביז זיי זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון די אויגן.

— מיר וועלן זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן, עמעס? — האָט לענעלי געפרעגט.

— ניין, — האָט סעפּי הייס געענטפערט, — זי איז קימאַט אַזאַ גוטע, אַזוי ווי אונדזער מאַמע, און זי מאַכט אַזעלכע גוטע לאַטקעס! זאָג, עפשער ניט?

זיי האָבן פאַרקערעוועט אַף צאָפן און זײַנען אַוועק ווײַטער.

וואָס ווײַטער זיי זײַנען געגאַנגען און וואָס ווייניקער וועג ס'איז געבליבן, אַלץ אומגעדולדיקער זײַנען זיי געוואָרן.

פונעם פערמערישן שטיבל, ווו זיי האָבן גענעכטיקט, ביז זייער דאָרף איז געווען אַ גוטע צוואַנציק מײַל, און נאָך איין מײַל — פון זייער דאָרף באַרג־אַרוף ביז זייער שטיבל. נאָר פאַר שווייצאַרישע קינדער, וואָס זײַנען געוווינט געווען צו בערג, איז דאָס ניט שווער געווען.

זיי האָבן געוווּסט, אַז די ציגן טאָר מען צו גיך ניט טרײַבן, אויב מ'וויל, אַז זיי זאָלן געבן מילך. און ס'איז שוין געווען האַלבער טאָג, ווען די ציגן, די קינדער און דער הונט זײַנען צוגעגאַן צופוסנס פון זייער באַרג, און זיי האָבן אָנגעהויבן דעם לעצטן באַרג־אַרוף.

אָט האָבן די קינדער שוין דערזעען דעם דאַך פון זייער שטוב. אַפן דאַך זײַנען געווען אָנגעוואַלגערט שווערע שטיינער, אַז דער ווינט זאָל אים ניט אַראָפּטראָגן.

דאָס פּאָרל האָט ניט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פונעם דאַך. שפּעטער אַביסל האָבן זיי דערזעען די גאַנצע שטוב, די שטאַל פאַר בעהײמעס, א סטויג שטרוי אונטערן שטאַל פון זײער גאָרטן.

זיי האָבן אויסגעקוקט די אויגן, טאָמער וועלן זיי דער־זעען די מאַמע, נאָר זיי האָבן זי אינערגעץ ניט געזעען. זיי האָבן די קלענסטע באַוועגונג אינערגעץ ניט באַמערקט, אַפילע דאָס ווינטל איז אָפּגעפאַלן, און די ביימער האָבן זיך קײַן ריר ניט געטון.

די קינדער זײַנען צוגעגאַן אַלץ נעענטער און נעענ־טער, און צום סאָף האָבן זיי זיך שוין מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. זיי האָבן זיך א לאָז געטון לויפן און זיך אַרײַנ־געריסן אין הויף מיט א קלינגען פון די ציגן־גלעקלעך, מיט א בילן פון בעלאָן און מיט פריילעכע געשרייען:

— מאַמע, מאַמע, ווו ביסטו, מיר זײַנען שוין אינדער־היים!

נאָר צו זייער גרויסן כידעש און פאַרדראָס, האָט זיי קיי־נער ניט געענטפערט. די שטוב איז אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן.

די קינדער האָבן איבערגעלאָזן די ציגן מיט בעלאָן און האָבן זיך געלאָזט לויפן אין קיך אַרײַן. דאָרט איז אָבער קיינער ניט געווען, נאָר דער זייגער מיט דער קוקעווקע האָט הויך געטיקעט. זיי האָבן זיך א וואָרף געטון אַרוף אין שלאָפצימער און האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין קיך. אומעטום איז געווען שא־שטיל.

— די שטוב איז א טויטע, אַז די מאַמע איז ניטאָ, — האָט לעבעלי אָנגעהויבן וויינען. — ווו־זשע קען זי זײַן, און ראָזעלי אויך?

— ראָזעלי איז דאָרט, ווו די מאַמע, זײַ זיכער,—האָט סעפּי געזאָגט.

זיי זײַנען אַרויסגעלאָפן אין הויף און האָבן דערזעען, ווי בעלאַ בילט אַזוי ווי אַ מעשוגענער אַף נעבין, וועלכע האָט זיך אָפּגעגעבן קאָנטעט אַף דעם מערן־בייטל און האָט אפילע ניט געטראַכט אַוועקניין פון דאָרט, כאָטש בעלאַ האָט זי דאַפקע געביסן פאַר די הינטערשטע פיס, ווײַל ער האָט גוט געוווּסט, אַז קײַן ציגן האָבן ניט וואָס צו טון אין קײַן גאָרטן.

— מ׳דאַרף פריער פאַרטרײַבן די ציגן,—האָט סעפּי געזאָגט,—און ער איז אַוועקגעלאָפן העלפן בעלאָן.

די קינדער האָבן פאַרטריבן די ציגן אין שטאַל און האָבן זיי פאַרלייגט היי. דערנאָך האָבן זיי זיך צוגעזעצט אַפן טרעפל לעבן קיך, ווײַל די פיס האָבן זיי ווי געטון און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אייצענען, וואָס טוט מען ווײַטער.

פלוצלינג איז לענעלין אויפגעקומען אַ שרעקלעכער געדאַנק.

— דער שניי־אײַנפאַל!—האָט זי אַ געשריי געטון און ס׳האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם.—עפּשער איז די מאַמע און ראָזעלי פאַרשאָטן געוואָרן פונעם שניי־אײַנפאַל!

סעפּי איז בלייך געוואָרן און ס׳האָבן אים אָנגעהויבן וואַרגן די טרערן.

— ניין,—האָט ער געזאָגט אין אַ מינוט אַרום, אַז ער איז געקומען צו זיך,—ס׳קאָן ניט זײַן. דאָ איז אַרום און אַרום קײַן זייכער ניטאָ פונעם שניי־אײַנפאַל, און די מאַמע גייט קיינמאָל ניט אַוועק ווײַט פונעם שטוב. דאָס זוכט זי אונדז, מינעסטאָם, אָט ווו זי איז!

א דערשלאָגענע האָט לענעלי זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם טרעפּל.

— אָ, סעפּי! — האָט זי א געשריי געטון. — דו מיינסט, אַז איצט האָט די מאַמע זיך פאַרבלאָנדזעט אין די בערג, — איצט, אַז מיר זײַנען שוין געקומען צוריק אהיים?

דאָס איז געווען צו א שווערער געדאַנק פאַר איר, און זי האָט זיך ווידער צעכליפּעט.

אויסגעמאַטערטע ביז גאָר, זײַנען זיי אופגעשטאַנען און האָבן זיך געלאָזט גיין זוכן די מוטער. אַף די זײַטן באַרג, וואָס זײַנען געווען באַוואָקסן מיט בלומען, האָבן זיך שוין אויסגעצויגן לאַנגע שאָטנס, און די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן צו מײַרעוו־זײַט.

ווי נאָר זיי האָבן פאַרקערעוועט אַף יענער זײַט שטוב, האָט סעפּי מיטאַמאָל פריילעך א געשריי געטון און האָט באַוויזן אַף דער ציגן־סטעזשקע, וואָס האָט געפירט אין די בערג. דאָרטן ווײַט, זייער ווײַט, האָבן זיי דערזעען די מוטער מיט ראָזעלין אַף די הענט. זי איז פּאַוואָלי געגאַן צום שטוב. פונוווײַטן אפילע האָבן זיי באַמערקט, אַז זי איז טרויעריק און מיד. ווײַל דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט און איז געגאַנגען שטיל, שטיל.

אַז זיי האָבן זי דערזעען, האָט אַזוי ווי מיט הענט אָפּגענומען זייער אייגענע מידקײַט. מיט א פריילעכן געשריי, וואָס האָט אופגעוועקט א ווידערקאָל אַפן אַלטן פּילאַטוס, האָבן זיי זיך א וואָרף געטון איר אַנטקעגן.

זי האָט דערהערט זייער געשריי און האָט פאַרשטעלט די אויגן פאַר דער זון און זיך גענומען אײַנקוקן. אין א מינוט אַרום האָט די מאַמע מיט די קינדער זיך שוין אַרומ־

גענומען, און די קלײנינקע ראָזעלי האָט עפּעס געפּלאָפּלט אינעם גראָז און אין די בלומען, װוּ די מאַמע האָט זי אַװעקגעזעצט.

נאָך די ערשטע פרײלעכע מינוטן פון דער באַגעגעניש, האָט סעפּי געזאָגט:

— מיר האָבן געבראַכט אַלע ציגן אַהײם, מאַמע, זײ זײַנען אין שטאַל.

— און איך האָב געמײנט, אַז דער שנײ־אײַנפאַל האָט אײַך אַלעמען פאַרשאָטן,—האָט די מוטער געזאָגט און האָט אַזש געװײנט.—אַלע מאַנסבלען פון דאָרף זײַנען איצט אין די בערג, זײ זוכן אײַך. זײ װילן דורכשלאָגן אַ נײַעם דורכגאַנג צו דער ציגן־פּאַשע. מ׳דאַרף זײ געבן צו װיסן, אַז איר זײַנט שױן דאָ.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון און האָט אָנגעהױבן גײן צוריק אַרױף מיט דער סטעזשקע. נאָר מיטאַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט אין סעפּיס האָרן.

— טרובּע, סעפּי,—האָט זי אים אַ געשרײ געטון.—שפּיל אױס פריצס לידעלע, אױב דו קענסט נאָר. זײ קענען זי אַלע. געװיס איז דאָ דאָ עמעצער ניט װײַט און װעט דערהערן.

סעפּי האָט צוגעטראָגן דעם האָרן צו די ליפּן, ער האָט אָנגעהױבן טרובּען.

פריִער האָט זיך באַקומען עפּעס אַ פּישטשערײַ, נאָר דערנאָך האָט זיך אים אײַנגעגעבן אױסשפּילן די ערשטע צװײ נאָטן פון פריצס לידעלע, כאָטש ס׳איז געװען ענלעך װי אַ יונג האָנעכל קרימט נאָך אַן אַלטן האָן.

אינגיכן האָט זיך באַװיזן עפּעס אַ קאָפּ פון הינטער אַ פעלז. דערנאָך האָט זיך באַװיזן דער גאַנצער מענטש,

וואָס האָט אַרופגעקלעטערט אויפן פעלז און האָט שטאַרק באַטראַכט די מוטער און די קינדער, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן סטעזשקע.

סעפּי האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן טרובען אין האָרן, די מוטער האָט אָנגעהויבן מאַכן מיטן פאַרטעך, און אַלע, אַפילו ראָזעלי, האָבן געמאַכט מיט די הענט אַזוי פריילעך, אַז פאַר יענעם איז שוין קיין ספק ניט געווען, וואָס זיי ווילן אים זאָגן.

ער האָט זיי אויך עפּעס פריילעך אָפּגעענטפערט און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטערן פעלז. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי דערזען, אַז דער מענטש לויפט פאַרנעם באַרג גלײַך אין דאָרף אַרײַן.

אינגיכן האָבן די גלעקער פריילעך געקלונגען און האָבן צעטראָגן די נײַס וועגן די געראַטעוועטע קינדער, אַז אַלע זאָלן הערן. די גלעקער אינעם שכייניש דאָרף האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס קלינגען, און די האָרנס האָבן אָפּגעענטפערט פון די פעלזן, אַ סימן, אַז דאָרט האָט מען אויך דערהערט די פריילעכע בשורה. און דער ווידערקאָל פון די אַלטע גרויע פעלזן האָט אונטערגעכאַפּט אי דאָס קלינגען פון די גלעקער, אי דאָס טרומייטען פון די האָרנס, אי די געשרייען פון די מענטשן, און האָט זיי צעטראָגן ווײַט, ווײַט אין די בערג.

אינגיכן זײַנען געקומען צולויפן פון דאָרף די פרויען וואָס האָבן די גאַנצע נאַכט זיך געדאַגהט פאַר די קינדער אינאיינעם מיט זייער מוטער. און די מאַנסבילן, וואָס האָבן איר געהאָלפן זיי זוכן, האָבן אייבציקווײַז זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן מיט דער ציגן־סטעזשקע. און אַז אַלע האָבן זיך

צונויפגעקליבן אין שטוב אַריַין, האָבן די קינדער דערציילט וואָס מיט זיי האָט זיך געטראָפן. אַלע האָבן זיך צוגעהערט און ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז יעדערער האָט געהערט, ווי זיַין האַרץ קלאַפּט.

אַזוי זיַינען אַלע געשטאַנען ביז די זון איז פאַרגאַנגען הינטער די מיַירעווודיקע בערג. דערנאָך זיַינען זיך די שכיינים צעגאַנגען יעדערער צו זיך אַהיים און האָבן געלאָזן די מוטער מיט די קינדער איינער אַליין אין שטיבעלע.

אַז זיי זיַינען נאָכאַמאָל אַריַין אין קיך, האָט די הילצערנע קוקעווקע אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ פון איר קליין טירעלע און האָט אויסגעשריגן „קו־קו" זיבן מאָל.

און אַז די מישפּאָכע האָט אָפּגעגעסן וועטשערע און די קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט לעבן אויוון און האָבן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערציילט דער מוטער וועגן דעם אַלטן פּאַסטעך און וועגן דעם אָדלער, וועגן דעם פּערמערס וויַיב און וועגן אַלע געשעענישן פון די דריַי שרעקלעכע טעג, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין די בערג,—האָט די קוקעווקע געמוזט וואַרטן גאַנצע פופצן מינוט, ביז זי האָט נאָך אַמאָל געקאָנט אַרויסשפּרינגען קעדיי צו דערמאָנען, אַז ס'איז שוין צייַט זיך לייגן שלאָפן. זי האָט אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל און האָט אַרויסגעשריגן „קו־קו" אַכט מאָל. באַר זיי האָבן נאָך אַלץ געפּלוידערט וועגן דעם טאַטן און וועגן פּריצן, וואָס זיַינען איצט אויך אין די אַלפּן, און ס'איז גוטקייַט ס'איז, וואָס דער טאַטע און פּריץ ווייסן ניט פון די אַלע סאַקאָנעס און יעסורים, וואָס זיי האָבן דאָ איבערגעלעבט.

— טײַערע קינדער מײַנע, — האָט צום סאָף די מוטער געזאָגט און איז אופגעשטאַנען. — ס'אַרא גיכקײַט ס'לויפט די צײַט. אוגדז איז אַזוי גוט, אַז מיר האָבן גאָרניט באַמערקט ווי שפּעט ס'איז. שוין לאַנג צײַט שלאָפן, איר זײַט דאָך שרעקלעך מיד, זאָל שוין דאָס מאָל זײַן גענוג פּלוידערן.

זי האָט אַוועקגעפירט די קינדער אַרויף און האָט זײ געלײגט שלאָפן. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט אין קיך, האָט אַ גלעט געטון בעלאָן, וואָס איז אַנשלאָפן געוואָרן אַף דער שוועל, האָט אַ קוק געטון אַף דער לעוואָנע, וואָס איז אופגעגאַן איבער דעם באַרג ריגי, האָט פאַרמאַכט די טיר, אָנגעצויגן די וואָג באַם זײגער און אוועק זיך לײגן שלאָפן.

און אַז ס'איז שטיל געוואָרן אין גאַנצן שטוב, האָט די קוקעווקע אַרויסגעשטעקט איר קעפּל און האָט באַטראַכט די שטילע קיך. די לעוואָנע־שײַן האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן מיזרעכדיקן פענצטער, דאָס קלײן מײַזעלע איז אַרויסגעקראָכן פונעם לעכל, און שאָטנס האָבן זיך געטורליעט אין די ווינקלען.

— אין אַלגעמײן, — האָט די קוקעווקע געזאָגט צו זיך אַלײן, — האָב איך זיך אײַנגעפּאָרעט מיט אַלע געשעפטן, אַלעמען איז שוין ווידער גוט, און איך קען זיך שוין דערלויבן אַביסל אָפּרוען.

— „קו־קו", — האָט זי געמאָלדן. — ס'איז שוין נײַן אַזײגער.

דערנאָך האָט דאָס קלײן הילצערן טירל אין זײגער זיך פאַרהאַקט, און די קוקעווקע איז אַוועק שלאָפן.

אינהאַלט

זײַט

I. די געטרײַע קוקעוקע 2

II. סעפּי און לענעלי לערנען זיך אַ נײַע אַרבעט 12

III. אַ שטורעם אין די בערג 25

IV. אַ פּאַסטעך אין די בערג 45

V. דער באַרג-דורכגאַנג 57

VI. נײַע און אַלטע פרײַנט 77

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו